חג הסוכות תשפ"א
Vol. 20-A

# בלומינגראוו שטימע
# BLOOMING GROVE VOICE

די פּאַראַיינגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

United Jewish Community of Blooming Grove · Est. 2019

זמנים
זמנים ליום טוב סוכות
10 דייט

ושמחת בחגיך, והיית אך שמח!

כְּהוֹשַׁעְתָּ קְהִלּוֹת בלומינגראוו שָׁלַחְתָּ, רַחוּם לְמַעֲנָם שִׁלַּחְתָּ, כֵּן הוֹשַׁע נָא,
כְּהוֹשַׁעְתָּ שׁוֹמְרֵי מִצְוֹת וְחוֹכֵי יְשׁוּעוֹת קֵל לְמוֹשָׁעוֹת, וְהוֹשִׁיעָה נָּא:

עיר גדולה לאלקים, מלאה חכמים וסופרים, "בלומינגראָוו", עם כל תושבי', עם כל קהלותי', עם כל משפחותי', שפּאַנט אַריין אין זמן שמחתינו מיט לעכטיגע שלוה'דיגע פרייד אויסגעגאָסן איבער אירע גאַסן אין נייע גאָלדענע תקופה וואָס איז גליקליך עררייכט געוואָרן 3

אחי ורעי; אַ הארציגן יישר כח!
Blooming Grove Shuttle 8

אינפארמאטיווע און אקטועלע פונקטן
אויסגעשמועסט בטוב טעם ודעת
דורכאויס דעם פראדאקטיוון "קאנפערענץ קאָל"
א נאכט בעפאר די דראמאטישע וואל - טאג 5

ציטליכע אנווייזונגען און וויכטיגע "סעיפטי" מעסעזשעס
אין די יעצטיגע ערב יו"ט טעג
איבערגעגעבן דורך
הרה"ח מו"ה יצחק בערנאטה הי"ו
ליעזאן פון די יו.דזשעי.סי. צו די סאוט בלומינגראוו פייער דעפארטמענט 26

אַן אקטועלן בליק ארום די אַקטיוועטעטן אַהערשטעלן ריינע וואסער אין אונזער שטאט

בַּעֲבוּרֵינוּ, אַל תִּמְנַע מָיִם!

ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה 15

# סיני הלברשטאם

אבדק"ק

## צאנז זמיגראד

בס"ד

על ההרי"ם אשא שלומים מרובים, כטל וכרביבים, לאהובים וברורים, **אנשי שלומינו היקרים, תושבי עירינו בלומינגראוו המסויימים**, הצמודים בקירות לבבי ותהלתם נודע בשערים, קהל עדת חסידים יראים ושלמים, בתורה ובמעשים טובים מופלגים, ה' עליהם יחיו ויפרחו כשושנים, ובכל אשר יפנו יצליחו וקרנם ירים.

לעת תקופת השנה, **לקראת השנה החדשה הבא לקראתינו לשלום**, הנה נא הואלתי **לשאת את ברכתי ותפלתי למען אחי ורעי רחימאי דנפשאי**, הישרים והנעימים, תושבי עירינו הקדושה, חסידים ואנשי מעשה יראי ה' וחושבי שמו, כולם אהובים כולם ברורים לעשות רצון קונם, המתנהגים ומגדלים את ביתם לשם ולתפארת בדרכי אבותינו ורבותינו הק', וכפי שהורה לנו וקבלנו מאת איתן אדונינו מרן רבינו הק' מסאטמאר זי"ע, מתוך אהבה אחוה ושלום ורעות, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק, כה יתן ה' וכה יוסיף.

**חסדי ה' אזכיר תהלות ה' על כל אשר גמלנו, וברוב רחמיו עד הנה עזרנו, לסכך באברתו על עירינו המעטירה, ועינינו הרואות כי שומר ישראל גנן והציל את עתיד העיר להחיות לכם לפליטה גדולה. הרימותי ידי בתפלה על העתיד שתשרה שכינה במעשי ידיכם ונזכה להרחיב גבולי הקדושה, היכלי התורה והעבודה ובתי בני ישראל לשם ולתפארת, מתוך הרחבת הדעת ורוב שמחה ושלוה. ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.**

**והננו בזה לברך אתכם בברכת פתקא טבא, שיתקבלו תפלותיכם לרחמים ולרצון לפני אדון כל וימלא משאלותיכם במדה טובה ישועה ורחמים, חסד ה' יהא חופף עליכם כל הימים, ותזכו להרחבת הדעת ונחת דקדושה מכל צאצאיכם זרע ברך ד' דורות ישרים ומבורכים, ברך ד' חילכם ופועל ידיכם ירצה ויהא ש"ש מתקדש ומתאהב על ידכם כאוות נפשכם הטובה.**

ואחתום בתפלה לפני בעל הרחמים, **שממרום יקבל שועתינו ויעלה זכרונינו להשקיף עלינו ועל כל עמו ישראל השקפה לטובה, תחל שנה וברכותי'** לכל בית ישראל זקנים עם נערים, לראות בנחמה ולהנצל מכל עקא ומכל צרים, **ייטיב ה' ולא יוסיף עוד לייסרה, ויסיר מעלינו כל נגע מחלה ומגיפה**, ישלח דברו וירפאנו והבריאים יתמידו בריאותם, בחייכון וביומיכון ובחייהון דכל בית ישראל, ויקימינו ויגיענו לראות קיבוץ גליותינו על כנפי נשרים, לירושלים תפארת הערים, ותחזינה עינינו את המקדש בנוי לתלפיות במרום הרים, ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלקי ישראל מלך עולמים, בביאת משיח הולך תמים, יראו עינינו וישמח לבינו, ויפרוש עלינו סוכת רחמים וחיים ושלום בב"א.

באעה"ח ערב חג הסוכות, שנת ת'הא ש'נת פ'לאות א'ראנו לפ"ק

הק' סיני הלברשטאם

היסטאָרישער זיג איבעראַשט אידישע וועלט און צעשאָקעלט אַפּסטעיט'ס פּאָליטישע מאַפּע:

# מזל טוב בלומינגראָוו!

**אונזער שטאָט האָט טריאומפירט! אונזער כח האחדות האָט געזיגט! אונזערע קהלות האָבן מנצח געווען! אונזערע הונדערטער משפחות, טויזנטער נפשות האָבן געווינען!**

## מעכטיגער, פּאַראייניגטער שטים־בלאָק פונעם ציבור תושבי בלומינגראָוו באַווייזט אַריינצואוועלן נייע סימפּאַטישע און עפעקטיווע רעגירונג אינעם "ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראָוו"

זיגרייכער טיקעט וואס האט בעז"ה איבערגענומען די אַדמיניסטראַציע, צו באַדינען אַלע איינוואוינער צוגלייך, מיט יושר און צדק:

**מעיאָר: מר. זשאָרזש קאַלאַזש; טראָסטיס העסקנים החשובים בצרכי ציבור: מוה"ר אברהם משה ווייס הי"ו און מוה"ר יצחק פעלדמאן הי"ו**

חרדי'שע וועלט נאָכגעפאָלגט מיט שפּאַנונג דראַמאַטישן וואַל-טאָג, ווען **שטימען האָבן זיך פאַרצויגן ביז נאָך חצות הלילה** אַדאַנק אומקאָמפּעטענטע ווירטשאַפט פון אַלטע אַדמיניסטראַציע, **מיט קלאָרע מאָטיוון צו אַנטמוטיגן דעם ציבור** פון אָפּגעבן זייערע באַרעכטיגטע שטימען; **אומגלויבליכע סצענע ווי תושבי העיר שטייען 3 שעה נאָכאַנאַנד** און וואַרטן אויס געדולדיג אויף זייער שאַנס אָפּצוגעבן זייער שטימע און אויספאָלגן דעם **"דעת תורה" פון אַלע רבני העיר אינעם היסטאָרישן "קול קורא"** וואָס האָט אויפגעפאָדערט יעדן צו גיין אָפּגעבן די שטימע; מייסטערהאַפטיגע **קאָאָרדינאַציע פונעם וואַל-קאַמפּיין דורך די געטרייע ענערגישע**, שעפערישע עסקנים **"בלומינגראָוו באחדות" שטעלט אַהער אַ מוסטער און פרישער פרעצעדענט אין היימישע וואַל-קאַמפּיינס**; ענדגילטיגע רעזולטאַטן רעקאָרדירט אום **3:30 פאַרטאָגס נאָכ'ן פאַרענדיגן ציילן אַלע שטימען און באַשטעטיגן אַז די קהלות־אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן** האָבן אַלע דערפאָלגרייך געזיגט בעז"ה, נאך א ריקאונט נאכגעפאלגט א טאג שפעטער, זענען די נייע קאנדידאטן איינגעשוואוירן געווארן צום אמט

**בלומינגראָוו'ס נאָבעלער כח האחדות, ווי אַלע קהלות אין שטאָט האָבן געאַרבעט האַנט ביי האַנט, כאיש אחד בלב אחד פאַר'ן טובת הכלל און אַזוי באַוויזן דעם זיג, רופט אויס אַ קידוש ה' איבער דער גאָרער וועלט!**

**אַרומיגע רעגירונגען און לאָקאַלע מידיאַ קאַנאַלן געכאַפּט אין שאָק פון דראַמאַטישן אויסגאַנג לטובת די תושבי העיר**

## אומשאַצבאַרע ערדייכונג פאַר'ן עקזיסטענץ און עתיד פון בלומינגראָוו און איר וואונדערליכע בליה און אויסוואוקס אַלס פּרעכטיגע עיר ואם בישראל

בלומינגראָוו. – אָה, "ושמחת בחגיך והיית אך שמח!" דער דורות'דיגער פרייד-געזאַנג פון כלל ישראל אינעם חג הסוכות זמן שמחתינו, וואָס וועט בעז"ה דעם חג הסוכות ת'הא ש'נת א'ראנו פ'לאות אין אונזער שטאָט בלומינגראָוו קלינגען און הילכן פון אַלע רחבות'דיגע סוכות איבער אַלע גאַסן און אַלע ווינקלען, וועט האָבן אַ שפּאָגל-נייעם גליקליכן קלאַנג; אַ "שטימע" פון גליקליכע פרייד אויף דער עררייכונג צו וואָס מיר האָבן בעז"ה געגרייכט; אויף דער זיג, אויף דער נצחון, אויף דער טריאומף, אויף דעם געווינס וואָס מיר האָבן אָקאָרשט מיטגעלעבט און געפייערט; אויף די נייע גאָלדענע, גליקליכע תקופה אין וואָס מיר האָבן אָט אַריינגעטרעטן!

ס'נישט דער ערשטער יום טוב אין בלומינגראָוו; ס'נישט דער ערשטער חג הסוכות וואָס בלומינגראָווער משפחות גייען מיטלעבן – אָבער, דאָס וועט יעדער מודה זיין, דאָס וועט יעדער צושטימען, אַז "אַזאַ זמן שמחתינו" איז נאָך אין בלומינגראָוו נאָכנישט געווען!!! "אַזאַ יום טוב'דיגע שטימונג" האָט אין אונזער גרויסער פּרעכטיגער שטאָט נאָכנישט געהערשט!!! "אַזאַ גליקליכע, שלוה'דיגע אַטמאָספערע" האָט אונזערע גאַסן קיינמאָל נאָכנישט אָנגעקליידט!!!

די 'שטימעס' פון המוני תושבי העיר, פון די הונדערטער משפחות, פון די טויזנטער נפשות, וועלן דעם יום טוב זיך אויפהייבן ווי אין א פאראייניגטער כאָר, זיך צונויפמישן אין אַן ענדלאָזער שיר ושבח אויף די גליקליכע חסדים וואָס מיר האָבן בייגעוואוינט. נאָך אַזויפיל יאָרן, נאָך אַזויפיל תלאות, נאָך אַזויפיל מיטמאַכענישן, נאָך אַזויפיל האָפענונגען וואָס זענען במשך השנים צונישט געוואָרן, אָה, ה' לי בעוזרי ואני אראה בשונאי! מיר קענען דיר נישט גענוג דאַנקען הייליגער באַשעפער! נאָר דיין כח האָט אונז אויפגעהויבן און דערהויבן, ימין ה' רוממה ימין ה' עושה חיל!

### אַ געווינס וואָס האָט אָפּגעקלינגען אין דער גאנצער אידישער וועלט!

ס'איז איבריג צו שילדערן די גענויע דעטאלן, זייענדיג עפּעס וואס יעדער פון אונז האט "מיטגעלעבט". דאָס שלאג-ווארט פונעם קאמפּיין "בלומינגראוו באחדות" איז דאך נישט געווען בלויז א לופטיגער סלאגאן, נאר דער ווירקליכער מציאות. יעדער תושב בלומינגראוו האט מיט דעם געלעבט, געאָטעמט און אנטיילגענומען בלב ובנפש חפיצה, אויפ'ן רוף פון אונזערע רבנים ומנהיגים שליט"א. מיט עסקנות, מיט שטימען, מיט יעדע סאָרט הילף וואס איז שייך געווען.

אָבער פארט, שטייענדיג ערב דעם זמן שמחתינו, איז כדאי אין קורצן דורכצולויפן די טרוקענע דעטאלן פון אונזער היסטאָרישן זיגרייכן טאָג, דינסטאָג ערב ראש השנה תשפ"א, וואָס גייט בלייבן איינגעקריצט אויף שטענדיג אין די געשיכטע-ביכער פון דער עיר גדולה לאלקים בלומינגראוו, אלס דער טאָג ווען דער עתיד העיר איז בעז"ה אפּגעראטעוועט געוואָרן!

נאָך יאָרן וואס בלומינגראוו האבן ליידער געליטן פון די לאקאלע ווילעדזש רעגירונג וואס האט נישט געוואלט אנערקענען אין די אידישע תושבים, נישט געגעבן קיין שום פּערמיטן פאר בתי מדרשים, געשלאסן די לאקאלע שאטעל, און נאך אומצאליגע

ציפקע צרות ורדיפות, וואס מיר האבן אלע מיטגעלעבט אויף די אייגענע הויט, האָבן אלע קהלות זיך פאראייניגט אנהויב שנת תש"פ לפ"ק, אונטער'ן שירעם פון א באחדות'דיגע ארגאניזאציע אויפצוטון גדולות ונצורות און אנהייבן א נייע עפּאכע.

אין די ראַמען פון אונזער יו.זשעי.סי ארגאניזאציע וואס האט יעדן צוזאמגענומען אונטער איין דאך, אונטער די הוראה פון די רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א פון אונזער שטאט, האָט מען אינוועסטירט א געוואלד מיט ארבעט שוין העכער א יאר צייט, און נאך א פאראייניגטע קול קורא דורך אלע רבנים שליט"א האט מען אונטער'ן שלאג-ווארט פון "בלומינגראוו באחדות" זיך ארויסגעלאזט אין די מאסן צו די שטים-בודקעס מיט'ן ציל בעז"ה צו אריינברענגען א נייע עפּאכע אין די ווילעדזש פירערשאפט.

אינעם פארמעסט איז אויף איין צד געלאפן דער "געוועזענער" מעיאר דזשעימס לאפרענקא וועלכער האט געקעמפט מיט ציין און נעגל צו בלייבן אין אמט און קענען ווייטער פייניגן די פרידליכע תושבים, וואס האבן פאר זיך גארנישט געברויכט סיידן אז מ'זאל אויפהערן אונז רודפ'ן און אונז לאזן לעבן מיט אונזער אייגנארטיגער לעבנסשטייגער מיט מנוחת הנפש והרחבת הדעת.

א לאנגע מגילה קען מען שרייבן פון די געראנגלען וואס זענען נאך אנגעגאנגען ביז צו דער לעצטער רגע, ווען די אלטע רעגירונג האט פרובירט יעדער סארט טאקטיק צו פסל'ען אונזערע שטימען און צעגערן מיט'ן פראצעדור, אבער ב"ה אדאנק דעם קאמפראמיסלאזן קאמף פון די עסקנים איז עס לא עלתה בידם.

אונזער פאראייניגטע "יו.דזשעי.סי" ארגאניזאציע האבן ארויסגעשטעלט יושר'דיגע קאנדידאטן וואס זאלן אייניג סערווירן אלע איינוואוינער מיט זייערע געברויכן. אלס מעיאר איז געלאפן מר. דזשארדזש קאלאדזש, אַן אָרנטליכער סימפּאטישער וואַרעמער מענטש, זייער געפיליש צו די געברויכן פון אלע איינוואוינער, צוזאמען מיט צוויי היימישע טראסטיס, תושבי עירנו, הני תרי צנתרא דדהבא, הר"ר אברהם משה ווייס הי"ו און הר"ר יצחק פעלדמאן הי"ו,ביידע פון די חשוב'ע איינוואוינער וועלכע זענען באליבט און געשעצט ביי אלע תושבים.

אריגינעל האבן די וואלן געדארפט פארקומען מערץ 18 למס', און צוליב קאראנא קריזיס, ווי דער ציבור געדענקט, איז דאס אפגעשטופט געווארן דורכ'ן גאווערנאר פון ניו יארק סטעיט צום פארגאנגענעם דינסטאג האזינו - ג' סליחות.

ס'נישט מעגליך צו שילדערן אט דעם טאג, און וויפיל טינט מ'זאל נאר דערויף פארגיסן וועלן מיר בלייבן הינטערשטעליג! ס'לאזט זיך נישט פארגעסן די מחזה ווי תושבי העיר האבן זיך היסטאריש מאביליזירט און ארויסגעברענגט ממש "יעדע איינציגסטע שטימע"! מיט אזא געטריישאפט און אחדות!

אונטער אן אחדות'דיגע שטימונג זענען אלע תושבים ארויס צו די וואל-בודקעס ביים פייער-הויז, און קיינער האט נישט איינגערועט ביז ווילאנג מ'האט געוואוסט אז די שטימע איז בארעכטיגט אפּגעגעבן!

דאס בילד האט זיך נישט געגלויבט ווי דער עולם איז געשטאנען אין די ליניע קרוב צו דריי שעה - צוליב די אומבאלומפערטע ווירטשאַפט, און ווארשיינליך אויך דירעקט אונטערגעשטעלט צו פאַרשווערן דאָס אָפּגעבן די שטימען דורך די אלטע רעגירונג - און קיין מידקייט, קיין ערשעפטקייט האט נישט געקענט אפּהאלטן פון דורכפירן דעם ריכטיגן שריט און אחריות לטובת אונזער שטאט.

די עסקנים האבן דורכגעפירט א מייסטערהאפטיגע מאביליזאציע, וואס האט געמאכט שטוינען קהלות און שטעט איבער דער גאנצער וועלט, וויאזוי בלומינגראוו האט דאס באוויזן! מ'האט געהאט א סאפיסטיקירטע קאמאנד צענטער מיט געניטע אדוואקאטן אויפ'ן פּלאץ, צו שטיין צוהילף פאר יעדע סארט פּראבלעם וואס האט זיך געשאפן! דורכאויס דעם גאנצן טאג האט מען געזען ווי אלע תושבי העיר, יונג און אלט, מענער, פרויען, ערוואקסענע בחורים און מיידלעך, יעדער איז ארויסגעקומען, מיט א הארציגן געפיל!

מ'האט שוין געשפּירט אין די לופטן, זעענדיג דעם ריזן באטייליגונג, אז ס'קומט גוטע נייעס, אבער מ'האט נישט געקענט פייערן דעם נצחון און באשטעטיגן דעם זיג אזוי לאנג ווי ס'נישט געווען אפיציעל.

מ'האט געענדיגט שטימען ארום 12 אזייגער ביינאכט און ביים ענדיגן ציילן איז שוין געווען נאך 3:00 פארטאגס, ווען ס'איז פארעפנטליכט געווארן די גאר גינסטיגע רעזולטאטן, אז אלע יו.דזשעי.סי אינדארסירטע קאנדידאטן האבן ב"ה געזיגט!!!

מ'קען נישט שילדערן די פרייד וואס האט זיך דאן אויסגעגאסן אין גאנץ בלומינגראוו, וליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!

ס'געווען שפעט ביינאכט, בעסער געזאגט: פרי פארטאגס, אבער ולילה כיום יאיר! מ'האט זיך געוואונטשן מזל טוב, און מ'האט זיך נישט געקענט גלייבן אז דאס האט פאקטיש פּאסירט!

קאלאדזש האט באקומען 546 שטימען קעגן 433 פאר לאפרענקא, ד.ה. א דיפערענץ פון 113 שטימען. ר' אברהם משה ווייס האט באקומען 522 שטימען, און ר' יצחק פעלדמאן 518 שטימען. זייערע טראסטי קעגנער האבן באקומען, 426, 369, און א דריטער קאנדידאט האט באקומען בלויז 15 שטימען.

דערמיט האט מען איבערגענומען די מאיאריטעט פון די ווילעדזש וואס באשטייט פון 5 מיטגלידער, און בעז"ה וועט קומען א פרישע עפּאכע אין די גאַנצע געגנט.

הרשעים כים נגרש השקט לא יוכלו. די אלטע גווארדיע האט אבער אזוי שנעל נישט געוואלט אויפגעבן אויף דעם באקוועמען בענקל וואו זיי זענען געזעסן כדי צו מאכן אומבאקוועם פאר די איינוואוינער...

היות ס'איז געווען אפגעשטופטע וואלן איז נישטא קיין טראנזישאן פירער, און ממחרת הוואלן, ווען דער נייער מעיאר האט געדארפט איינגעשוואוירן ווערן, האט די אלטע אדמיניסטראציע נישט געוואלט אפטרעטן פון אמט און פארלאנגט א ריקאונט... דער ציבור איז נאכאמאל געווארן באזארגט, מ'האט געשפּירט א ציפּ אין הארצן, אז חלילה זיי זאלן נישט קענען דאָ צוריקכאפּן דעם זיג, מ'האט הייס מתפּלל געווען שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

אָבער, חפץ ה' בידינו הצליח! דאנערשטאג איז פארגעקומען דער ריקאונט וואס האט ווידער באשטעטיגט דעם אויסגאנג און דער מעיאר האט פארלאזט דעם אפיס און תיכף איז דער ניי ערוועלטער מעיאר מר. קאלאזש איינגעשוואוירן געווארן אלס דער נייער מעיאָר פון דער ווילעדזש או סאוט בלומינגראוו, אַפעקטיוו תיכף ומיד!!!

פרייטאג עריו"ט האט מען איינגעשוואוירן די צוויי ניי ערוויילטע טראסטיס, העסקנים החשובים והנמרצים ר' אברהם משה ווייס הי"ו, וואס דער נייער מעיאר האט אים געשטעלט אלס דעפּיוטי מעיאר, און ר' יצחק פעלדמאן הי"ו אלס טראסטי.

תיכף נאכדעם איז פארגעקומען א מיטינג צווישן די נייע פארטרעטער, אינאיינעם מיט די עסקני יו.זשעי.סי. הר"ר יואל שטערן הי"ו און הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו וואס זיי זענען געווען די 'גבורי החיל' אונטער דעם גאנצן פראיעקט, מיט'ן נייעם אדוואקאט פונעם ווילעדזש און די אלטע אפיס ווירטשאפט, און ווי מ'גיט איבער איז עס געווען שטארק פּראדוקטיוו מיט א גוטע פארשטענדעניש, וואס מ'וועט בעז"ה אינאיינעם ארבעטן לטובת אלע תושבים.

# אינפארמאטיוועא און אקטועלע פונקטן

## אויסגעשמועסט בטוב טעם ודעת דורכאויס דעם פראדאקטיוון "קאנפערענץ קאָל"

**פארלאפענעם מאנטאג אוועט פ' נצבים וילך העעל"ט**

**א נאכט בעפאר די דראמאטישע וואל - טאג**

## די וויזיע פון "יו. דזשעי. סי." אינעם צוקונפט

צום אלעם ערשט, לאמיר אויסשמועסן א זאך וואס פאדערט א קלארקייט.

**עס איז פארהאן א בליק ביי געוויסע אז די "יו. דזשעי. סי." פאראיין איז געווארן געגרינדעט מיט איין מיסיע... די מיסיע איז "עלעקשענס"... צו געווינען די וואלן... דערמיט האט זיך עס אנגעפאנגען און דערמיט זיך געענדיגט...**

יעדער וואס האלט אבער מיט עטוואס ווייסט אז דאס איז פאקטיש שטארקער טעות.

**די "יו. דזשעי. סי." איז ארגאניזירט געווארן, בלויז מיט'ן ציל, זיך ארויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן, סיי פאר די צרכי ציבור, און אודאי אזוי פאר די צרכי יחיד.**

אידן דארפן האבן בתי מדרשים, אידן דארפן האבן טראנספארטאציע, אידן דארפן האבן הרחבה'דיגע הייזער, אידן דארפן האבן פערמיטן, אידן דארפן האבן מענטשליכע סאניטאציע געברויכן, אידן דארפן האבן נארמאלע רעכטן, און נישט אויסשטיין "סעלעקטיוו אינפארסמענט" מיט וויילעעישענס, סיי מצד די ווילעדזש, סיי מצד די טאון, סיי מצד די פאליס דעפארטמענט, וועלכע האבן זיך אויפגעפירט מיט אלט פארצייטישע דיסקרימינאציע קעגן אידן.

**"יו. דזשעי. סי." איז געבוירן געווארן איינפאך צו "דיעלן" מיט אט די אלע פראבלעמען.**

ביז לעצטנס איז דאס געווען די ארבעט פון יעדן יחיד, וואס האט געמוזט אליינס פרובירן זיך צו העלפן, און פארשטענדליך אז ווען עס שטייט א יחיד קעגן א גאנצן טאון אדער ווילעדזש,

---

אין די נאכפאלגענדע טעג האט מען שוין ווירקליך אנגעהויבן מיט די ארבעט, מיט מאסיווע דורכברוכן און שריט אנצוקומען זייער ווייטגרייכנד אין אלע געביטן, מיט'ן שפיץ פון דעם "פערמיט" וואס איז ב"ה ארויסגעגעבן געוואָרן פאר דעם באָס-שאָטעל, ווייטער צו סערווירן תושבי עירנו, אן קיין שטער – א שריט וואס האט אפגעקלינגען אין די גאנצע שטאָט ומחוצה לה, און יעדן דערציילט הילכיג און קלאר: די נייע תקופה, די גליקליכע עפּאָכע, איז אין קראַפט! ס'אַנייע בלומינגראוו, ברוך ה', הודו לה', חסדי ה'!

## דעם זמן שמחתינו: בלומינגראָוו זאָגט הלל!

דעם יום טוב סוכות, ווען תושבי בלומינגראוו וועלן מיט די ד' מינים אין די האַנט שפּאַנען איבער די גאַסן, מיט ליכטיגע יום טוב'דיגע צורות, וועט מען גיין אין די בתי מדרשים אַריין, בבית אלקים נהלך ברגש, אין די שולן וועלכע זענען אמאל געווען כמעט ווי "פארבאטענע זאנעס" און זענען אצינד די פּראכט פון אונזער שטאט, און דארט זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן הייליגן באשעפער מיט אַ "הלל" וואָס וועט אי"ה דורכנעמען די גאנצע שטאט.

ואספר, מיר וועלן דערציילן, מיר וועלן זינגען, אנשים נשים וטף, די מעשי קה, די ווּאונדערליכע סייעתא דשמיא, וואס האט אונז באגלייט ביז אהער!

"סבוני כדבורים, דועכו כאש קוצים", אין דעם אַלטן ווילעדזש רעגירונג איז מען געזעסן טאָג און נאַכט ועל עמך יערימו סוד, שפּאַרן שאָטעלס, אָפּשטעלן בוי-פּראָיעקטן, פּאַרנאַכלעסיגן די גאַסן, אבער געגרייכט האָט די מינוט, געקומען איז די רגע, די זיסע אומשאצבארע געפיל פון נצחון, פון געווינס! פון קריגן וואָס קומט אונז מיט רעכט, די איינפאכע מתנה פון קענען לעבן מיט רואיגקייט, און דינען דעם הייליגן באַשעפער, טון דעם רצון הבורא יתברך מתוך הרחבת הדעת!

יאָ, תושבי בלומינגראָוו טייערע. אָט אַזוי איז עס! און וואָס דאַרפן מיר שילדערן, ווען דאס שפּירט זיך אַליין! דאָס זעט זיך אָן אין די לופט, אין די גאַסן אין די אַטמאָספערע.

מיר גייען אַצינד אַרויס פאַר 7 גאַנצע טעג פון אונזערע רחבות'דיגע דירות קבע, אַריין אין די גרויסע לופטיגע סוכות ארעי, אָבער מיט די גליקליכע געוויסן אַז אונזערע דירות זענען בעז"ה "קבע"!!! פה אשב כי איותיה!!

די פּלענער אויפצולעזן אונזער ווילעדזש זענען צענישט, די באַגרעניצונגען איבער אונזערע קהלות זענען אראפּגענומען געווארן! בלומינגראוו בלייבט בעז"ה אונזער היים, וואָס וועט וואַקסן און בליען, עד כי יבוא שילה ולו יקהת עמים, ווען די גאַנצע שטאָט, מיט די פּרעכטיגע קהלות ובתי מדרשים וואָס עקזיסטירן שוין און וואָס וועלן אינגיכן אויפגעבויעט ווערן, וועט זיך אויפהייבן און מיטפליען קיין ירושלים עיה"ק, וואו מיר וועלן זיצן בסוכת אורו של לויתן בעז"ה, במהרה בימינו אמן.

**און מיר רופן אויס אין א הילכיגער שטימע: א ליכטיגער חג כשר ושמח, אין "אונזער בלומינגראוו"!**

דאן האט ער נישט צופיל שאנסן אויף הצלחה. אבער ווען עס פאראייניגט זיך א ציבור, וואס ארבעט אינאינעם מיט די ריכטיגע לעגאלע און טעכנישע באגלייטונג, מיט דעם ריכטיגן מעסעדזש און וויזיע, דאן קען מען שוין נישט אזוי לייכט נעמען פריוואטע אידן און זיי בא'עולה'ן בלויז ווייל זיי זענען אידן, א זאך וואס פאסירט ליידער אין פילע אנדערע געגנטער, און א זאך וואס מיר האבן מיטגעלעבט ביז נישט לאנג צוריק דא אין בלומינגראוו.

אט דערפאר, און נאר דערפאר, איז געגרינדעט געווארן "יו. דזשעי. סי.", צו אדרעסירן די אנגייענדע טעמעס און ארויסהעלפן דעם יחיד און דעם רבים מיט אלעם וואס נאר שייך.

איינס פון די בעסטע מהלכים, וויאזוי צו לעזן בעז"ה אט די אלע פראבלעמען, איז דורך אריינשטעלן סימפאטישע ערוועלטע באאמטע אין דעם ווילעדזש אפיס.

**די וואלן איז נישט דער ציל און נישט דער מיסיע. די "עלעקשאנס" איז בלויז א געצייג, א היכי תמצי, וויאזוי מען קען טון די ארבעט, און ברענגען הילף פאר'ן ציבור און פאר'ן יחיד.**

**די מיסיע פון "יו. דזשעי. סי." איז געווען און איז פארבליבן דאס זעלבע: צו ברענגען סימפאטישע באציאונגען צו די אידישע איינוואוינער, צוצושטעלן ריינע וואסער, א גוטע סוער סיסטעם, פערמיטן פאר בתי מדרשים, טראנספארטאציע און שאטל סערוויסעס, יושר'דיגע טעקסעס, א.א.וו.**

**און דער בעסטער מהלך דאס צו דורכפירן איז דורך ארלעדיגן זאכן פון אינעווייניג, אנשטאט עס 'פייטן' פון אינדרויסן.**

אודאי קען מען אויך פרובירן צו לעזן פראבלעמען אויך אָן געווינען די וואלן, אבער פארשטענדליך אז אויף דעם אופן קאסט עס הונדערט מאל טייערער און ס'נעמט יארן לאנג אנשטאט חדשים.

ב"ה אין דער פארגאנגענהייט האט מען אסאך אויפגעטון, אפילו בעפאר די וואלן, א שטייגער ווי דאס אפשטעלן די אומבארעכטיגטע "סעלעקטיוו אינפארסמענט" פון א געוויסן פאליציי אפיציר וועלכער האט פארטיילט טיקעטס דירעקט בלויז פאר היימישע אידן דא אין שטאט, און ב"ה איז דאס געקומען צו אן ענדע אדאנק די ריכטיגע שריט, און דאס זעלבע די פילע אנדערע טעמעס, וואו מען האט געהאלפן אידן אויף אלע פראנטן פון אינדרויסן.

אבער דאס פארשטייט יעדער ווען מען האט בעז"ה די קשרים אינעווייניג, אין דעם ווילעדזש אדמיניסטראציע, איז עס אינו דומה וויפיל מען קען פאקטיש ערררייכן אויף אלע סארט געביטן, מיט פערמיט'ס, בתי מדרשים, מקוואות, מאסן טראנזיט, טראנספארטאציע א.א.וו.

אין קלארע ווערטער: **נאך די וואלן אויסגאנג טוישט זיך גארנישט פון וואס די "יו. דזשעי. סי." האט געטון אין די פארגאנגענע 15 חדשים.**

מען וועט ווייטער פאראויסגיין מיט די עבודת הקודש, מען וועט ווייטער קעמפן פאר די רעכטן און פאר'ן וואוילזיין פונעם ציבור. און אודאי' וועט א פאזיטיווע וואלן אויסגאנג אונז גאר שטארק העלפן אז די ארבעט זאל זיין פיל גרינגער, ביליגער און שנעלער.

## ויהי ממחרת; וואס פאסירט נאך די וואלן ווען מען געווינט אי"ה אלע נויטיגע ווילעדזשעם פאזיציעס?

אויך ביי די טעמע הערט מען פון מענטשן פארשידענע האפענונגען וועלכע זענען נישט ממש אין איינקלאנג מיט'ן מציאות. נעמליך, ס'איז פאראהן אזעלכע וועלכע האבן גרויסע ערווארטונגען, **אז אין פאל מען געווינט די וואלן, דאן וועט מען זעהן באלדיגע דראמאטישע טוישונגען אין די ערשטע 24 ביז 48 שעות...**

לאמיר עס אלזא אויסשמועסן און פארשטיין וויאזוי עס ארבעט דער פראצעדור פון אן אפיציעלע מוניציפאל ווירטשאפט.

אין א געוועינליכע ביזנעס, פארשטייט יעדער, אז דער אייגנטומער פון דעם פירמע, קען פלוצים אריינקומען און ארויסשטעלן אדער אריינשטעלן מענטשן אין זייער פאזיציע, אָן דעם וואס ער זאל זיך דארפן רעכענען מיט די קאנסקעווענצן. ס'איז דאך זיין אייגענע ביזנעס און ער איז בארעכטיגט צו טון דערינען כאדם העושה בתוך שלו, אָן דארפן אפגעבן דין וחשבון פאר קיינעם.

ווי אנדערש איז אבער א רעגירונג אפיס וואו מען קען בהחלט נישט טון קיין איבערגעאיילטע שריט, וואס קען זיין אומלעגאל און נישט דורכגעטראכט.

**יעדער פערזאן וואס ארבעט אין דעם ווילעדזש אדמיניסטראציע, צי אויפ'ן פלענינג באורד, צי אויפ'ן זאונינג באורד, און אפילו דער ווילעדזש קלורק, פארמאגט געוועינליך א לעגאלן קאנטראקט, וואס לויפט געוועינליך אויפ'ן יאר אדער אויפ'ן טערמין, אזוי ארום אז מען קען נישט אריינקומען פון איין מינוט אויף דער אנדערער און פארשיקן לאנג - יעריגע ווילעדזש איינגעשטעלטע.**

**דאס קען חלילה האבן לעגאלע קאנסעקווענצן, מיט געריכטליכע לאו סוטס, וואס קיינער זוכט זיך נישט אויפ'ן חשבון פון אונז שטייער צאלער.**

**עס פאדערט זיך צייט און ישוב הדעת, מיט מח און נישט מיט כח, צו איבערגיין יעדע פאזיציע און יעדער ווילעדזש איינגעשטעלטער, דבר דבר על אופנו, ווער ארבעט דא ? וואס איז זיין קאנטראקט ? וואס איז זיין עקספערטיז און סוקסעס ראטע ? האט ער געמאכט מער פראבלעמען ווי נוצן ? א.א.וו.**

**דאס זעלבע ווען מען וויל איבערדרייען סיי וועלכע רעגולאציע אדער באשטימען פרישע טוישונגען אין געזעצן. קען דאס נישט פאסירן ווי אין א ישיבה קטנה אין די ערשטע 24 שעה... דאס דארף ווערן באגלייט פון דער ערשטער מינוט מיט לעגאלע און פראפעסיאנאלע באגלייטונג דורך אדוואקאטן, צו באטראכטן אלע זייטן אויב דאס איז געזעצליך. מען קען נישט אריינקומען און אנהויבן ווארפן באפעלן אויף רעכטס און לינקס, ווייל די זאך ארבעט פשוט נישט אזוי... דאס איז א לעגאלע גאווערמענט קערפערשאפט, וואו מען קען זיך חלילה טרעפן אין הייס וואסער, אויב מען טוט זאכן נישט אויסגעהאלטן און הונדערט פראצענט לעגאל.**

געוויס וועט מען ארבעטן אויף קעסל און כלים, איבערגיין אלע לעגאלע פארמאליטעטן מיט'ן גרעסטן ישוב הדעת און אויפ'ן שנעלסטן פארנעם וואס נאר מעגליך.

מען האלט פאר די אויגן א ליסטע פון די העכסטע פראאריטעטן, וואס רעכנט אריין דעם "שאטל" וואס איז ליידער פארשפארט געווארן און איז א דירעקטע שאדן פאר יעדן פון די הונדערטער משפחות וואס וואוינען דא.. (הערת המעתיק, אצינד ווען די שורות ווערן געשריבן, א וואך נאך די וואלן אויסגאנג, קומט טאקע אריין די גינסטיגע בשורה אז דער פערמיט פאר'ן שאטל איז פאקטיש שוין אין קראפט ב"ה).

דאס זעלבע וועט מען פון די ערשטע מינוט ארבעטן אויף די סטאטוס פון די בתי מדרשים, אז זיי זאלן ווערן לעגאל מיט געזעצליכע ס. או'ס. גלייכצייטיג זאל מען ערלויבן צו אנהויבן בויען די בתי מדרשים וועלכע זענען אפגעשטעלט געווארן אינמיטן די ארבעט.

צווישן די העכסטע פראאריטעטן ציילן זיך פארשטענדליך אויך די טעמע פון ריינע וואסער, צוגענגליכע שטייערן, האוזינג, סאניטאציע, א.א.וו. ובשם ה' נעשה ונצליח.

## אז מען רעדט פון האוזינג, וועט מען טאקע אנהויבן בויען ריזיגע 4 שטאקיגע געביידעס אין די קומענדיגע חדשים?

דאס איז נאך א וויכטיגע פונקט וואס כדי

צו קלאר ווערן דערמיט דארף מען פשוט צוריקמישן דאס בלעטל מיט צוויי יאר צוריק, ווען די "יו. דזשעי.סי." איז פאקטיש געגרינדעט געווארן ממש גענוי פאר די סיבה, צו אפהאלטן דרויסנדיגע אינוועסטירער פון איבערנעמען דאס ווירטשאפט דא אין געגנט.

עס איז דעמאלט געווען אזעלכע א.ג. "ספעציעלע אינטערעסן גרופעס", וועלכע האבן פרובירט צו דורכפירן פארשידענע טוישונגען מיט ווייטגרייכענדע צילן צו עררייכן רוחים פון אונזער געגנט, אן די הסכמה, און אן די ווילן פונעם ציבור התושבים.

ס'איז נישט דאס ארט צו אריינגיין אין דעטאלן, ווייל דאס איז א לענגערע קאפיטל געשיכטע, וויאזוי "יו. דזשעי. סי." איז געשאפן געווארן אלס אן ארגאניזאציע וואס פארטרעט בלויז די תושבי העיר, און ווערט למעשה געפירט בלויז דורך תושבי העיר, וואס וואוינען דא און וואס ווילן די אינטערעסן פון אונזער געגנט.

אייגנטליך, דארף מען בלויז א קוק טון אויף "אלע" באורד מיטגלידער אין יו. דזשעי. סי. **מיר אלע האבן געוואוינט בעפאר אין שטאט אדער אין קרית יואל, און מיר האבן זיך אהערגעצויגן קיין בלומינגראוו, טאקע פאר געווי די סיבה, צו לעבן פריוואט און במנוחה, מיט אן אייגענע פראנט יארד, אן אייגענע בעק יארד, און אן אייגענע דרייוו וועי.** נישט צו דארפן וואוינען צוזאמגעשטופט מיט שכינים אין די זעלבע ד' אמות און צו קענען עפענען א פענסטער אָן זיך זארגן אז די גאנצע גאס האלט מיט וואס קומט פאר אינעווייניג...

**מיר אלע האבן זיך דא באזעצט, ווייל מיר גלייכן אט דעם לעבנסשטייגער. קיינער פון אונז וויל נישט קיין פיר שטאקיגע געביידעס העכער אונזערע קעפ, און אויך נישט קיין צוויי שטאקיגע געביידעס... די מענטאליטעט פון רוב מנין ובנין פון דעם היזיגן ציבור תושבים איז צו לעבן אויסגעשפרייט און לופטיג, און דאס וועלן מיר בעז"ה ווייטער האבן פאר לאנגע יארן.**

אייגנטליך איז בלומינגראוו דאך אויסגעשפרייט אויף ריזיגע עיקער לאנד וואו ס'איז ב"ה פארהאן גענוג און נאך שטח צו בויען הונדערטער הייזער, אן דארפן ארויפציען הויכע בנינים, אזוי ארום אז ס'איז ניטאמאל פארהאן קיין מארקעט דערפאר און עס וועט קיינעם נישט איינפאלן צו קומען וואוינען אויף א דריטע שטאק אין בלומינגראוו... דאס איז א זאך וואס קען בדרך הטבע נישט פאסירן אפילו מיט'ן בעסטן ווילן.

**אזויפיל קענט איר זיין זיכער, אז ווילאנג די יעצטיגע "יו. דזשעי. סי." באורד זיצט ביים רעדל וועט נישט געבויעט ווערן דא אין שטאט קיין הויכשטאקיגע בנינים און נישט קיין צעשטיפטע הייזער אויף קליינע שטחים. מיר דרייען זיך אלע צווישן דעם ציבור, מיר דאווענען אין בית המדרש און מיר הערן קאמענטארן און קריטיק ווען עס פאדערט זיך.**

פארשטענדליך אז אויב אינוועסטירער, אדער דעוועלאפער, וועלן קומען מיט פלענער צו דעוועלאפן זייערע פראפערטיס, וואס איז בסך הכל זייערע אייגענע נכסים, וועלן זיי אבער דעם דארפן האבן דעם "דעת הציבור", צו קענען טוישן די זאונינג געזעצן לויט וויפיל די יעצטיגע איינוואוינער זענען מסכים.

**יעדע טויש אין דעם זאנונג וועט דארפן קומען צו אן אפיציעלע לעגאלע "רעפערענדום", אן קיין שום גימיקס און אויסריידן. און מיר אלע, באורד מעמבער, זענען גרייט צו נעמען דעם פולסטן אחריות דערויף, מיט די זעלבע גאלדענע רעפוטאציע פון "יו. דזשעי. סי." ביז היינט.**

## די בעפאָרשטייענדע וואַלן פאר די "יו. דזשעי. סי" רעפרעזענטאטן

ביי דער געלעגנהייט טוען מיר טאקע אנאנסירן אז אין די נאנטע וואכן, אינמיטן חודש חשון, צום אנהויב פונעם נייעם יאר, וועט אפגעהאלטן ווערן די יערליכע "וואלן" פאר די באורד קאמיטע פון דער "יו. דזשעי. סי.", ווען עס וועלן ערוועלט ווערן קאנדידאטן און מיטגלידער וואס זאלן פארטרעטן די איינוואוינער במשך דאס קומענדיגע יאר.

**ביי די יערליכע וואלן ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאר יעדן איינוואוינער צו ארויסלייגן זיין קאנדידאטור צו זיין א טייל פון דעם באורד. עס וועט זיין 30 טעג ווען יעדער קען זיך איינשרייבן צו לויפן פאר סיי וועלכע פאזיציע אינערהאלב די "יו. דזשעי. סי.".**

און דערנאך, ווען די ליסטעס וועלן זיין גרייט, וועט פארקומען די וואלן וואו יעדער בלומינגראווער איינוואוינער וועט קענען אפגעבן זיין שטימע און ערוועלן אדער ארויסוועלן וועמען דאס הארץ באגערט. אונזער ארגאניזאציע איז דירעקט אזוי אויסגעשטעלט געווארן ווי א פאראיין וואס פארטרעט יעדן יחיד, וואס דערפאר איז אריינגעשטעלט געווארן אין די שטאטוטן פונעם באורד אז איינמאל אין יאר דארפן פארקומען בארעכטיגטע וואלן אין א דעמאקראטישע סטרוקטור.

**יעדער איד וואס איז א מעמבער אין בלומינגראוו, דאס הייסט ער וואוינט דא דאס גאנצע יאר און ער איז א שומר תורה ומצוות, קען לויפן אלס א באורד מעמבער און קען שטימען פאר וועמען ער באגער.**

**ווידעראום, אינוועסטירער און דעוועלאפערס וועלכע וואוינען נישט דאהי, קענען נישט צוויי זאכן. זיי קענען נישט לויפן אויפ'ן באורד, און זיי קענען אויך נישט שטימען צוליב דעם וואס זיי זענען נישט קיין היזיגע איינוואוינער.**

* * *

לאמיר אצינד אויסנוצן די געלעגנהייט און ארויסהעלפן זיך און אלע תושבי העיר און גיין שטימען פאר די סימפאטישע קאנדידאטן און האבן א חלק אין די געוואלדיגע זכותים און גמילת חסדים פון ארויסהעלפן אנדערע אידן, און אין דעם זכות האבן א זיס לעכטיג יאר, מיט אלע מיני השפעות טובות און בקרוב זיך ארויסזעהן מיט די ישועה אמיתית מיט די גאולה שלימה במהרה ובזמן קריב, און ביז דערוויייל ביז די קרעטשמע, זיך קענען דערהאלטן אינאיינאם און מיט די האחדות וועלן מיר בעז"ה אנקומען גאר ווייט, ובשם ה' נעשה ונצליח!



# אוֹדֶה ה' מְאֹד בְּפִי וּבְתוֹךְ רַבִּים אֲהַלְלֶנּוּ

## כִּי יַעֲמֹד לִימִין אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיעַ מִשֹּׁפְטֵי נַפְשׁוֹ!

# אחי ורעי; אַ האַרציגן יישר כח!

ברגשי גיל ותודה פאר'ן מלך מלכי המלכים הקב"ה, דאנקן מיר און לויבן מיר אויף די געוואלדיגע ניסים וואס מען האט געזען דא ביי די פארגאנגענע וואלן, וואס האט זיך ב"ה אויסגעלאזט לטובת אידישע קינדער.

איך האב נישט די ריכטיגע ווערטער וויאזוי צו ארויסברענגען מיינע געפילן פון הכרת הטוב פאר אלע מיינע **טייערע, געטרייע, הארציגע ברידערס און שוועסטערס, תושבי בלומינגראוו המעטירה,** שכינים און גוטע פריינד, וואס בלויז אדאנק אייך שטייען מיר אצינד ערב סוכות מיט א לעכטיגע שמייכל על כל החסד אשר עשית עמדי.

א יישר כח, טייערע אידן, פאר'ן דערהערן מיין רוף, פאר'ן ענטפערן מיין ווי געשריי, און פאר'ן ארויסצייגן אייער געפיל און שטיצע צו ענדיגן מיינע פיין און ליידן.

**אשריכם תושבי בלומינגראוו**, וואס האבן זיך אזוי שיין צוזאמגענומען מיט א הערליכע אחדות און מיטגעפיל, און ארויסגעקומען אין די מאסן, זיך צו אננעמען פאר א צווייטן איד, צו העלפן א ברודער פון די בייזווילליגע מזימות רשע, און פשוט ראטעווען דאס בלוט און שווייס, די פרנסה, פון א צווייטן איד וואס מען האט דאס געוואלט פון אים אוועקרויבן שלא ביושר.

און ווי קען מען דען ארויסלאזן די טייערע אידן, הר"ר **יואל שטערן** הי"ו און הר"ר **יצחק עקשטיין** הי"ו, וועלכע זענען געשטאנען לימיני מיט אלע נויטיגע שתדלנות וואס מען האט זיך גענויטיגט.

ובפרט ידידי ר' יצחק הי"ו, וואס עס לאזט זיך נישט באשרייבן וויפיל נשמה און הילף דער איד האט מיר געגעבן פון די ערשטע מינוט און וויפיל ער איז ארויס פון זיין וועג מיך צו באגלייטן און ארויסהעלפן בכל לב ונפש. ישלם ה' פעלו.

אונזער גוטער באשעפער וועט אייך אלע תושבי העיר, זיכער באצאלן צו האבן שטענדיג בלויז ענוג ונחת, שפע ברכה והצלחה, איר זאלט קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער און ס'זאל קומען אויף אייך א גוט, געבענטשט, זיס, לעכטיג און פרייליך יאר, מיט א גוט קוויטל פאר יעדן איינעם, בזכותו הגדול פונעם הייליגן צדיק, רבי חיים זאנוויל בן ר' משה ויוטא צפורה זי"ע.

♦ ♦ ♦

טייערע אידן, עס גלייבט זיך מיר נישט אז איך שרייב אייך די קומענדיגע שורות. **עס קוקט מיר אויס ווי א גוטער חלום וואס מען וועט זיך באלד אויפוואכן דערפון, אבער ב"ה אז "עס וועט נישט קיין חלום זיין"...** דאס וואס מיר אלע האבן אזויפיל געווארט דערויף האט פאקטיש פאסירט!

**דער "בלומינגראוו שאטל" האט ב"ה אַ פערמיט און עס וועט אי"ה אנהויבן פארן נאך די ימים טובים!**

מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי! כוס ישועות אשא

ובשם ה׳ אקרא!

די וואך מיטוואך, האט דער נייער - ערוועלטער מעיאר ירום הודו, אפיציעל באשטימט צוריק צו איינשטעלן דעם פערמיט פאר דער באס, וואס קען שוין אנהויבן פארן אָן קיין שום צעגערנישן!

בנוסף דערצו לייגן די געטרייע עסקנים אריין גרויסע כוחות אז דער גאנצער געברויך פאר א ״פערמיט״ זאל ווערן אפגעשאפן און מען זאל אינגאנצן נישט דארפן דעם ״פערמיט״, אבער דערווייל קען מען בעז״ה פארן תיכף ומיד אן קיין שטערונגען, הודו לה׳ כי טוב כי לעולם חסדו!

פארשטענדליך, אז מ׳דארף אפגעבן א ״**ברכה לראש משביר**״, פאר די ניי - **ערוועלטע ״טראסטיס״**, מיינע חשוב׳ע ידידים, הרה״ח מו״ה **אברהם משה ווייס** הי״ו, און הר״ר **יצחק אלחנן פעלדמאן** הי״ו, וואס האבן שוין ביים **ערשטן זיצונג אין ווילעדזש אפיס זיכער געמאכט אז דער ״שאטל״ איז דער וויכטיגסטער פראיאריטעט פאר די נייע אדמיניסטראציע**, און ב״ה חפץ ה׳ בידם הצליח.

◆ ◆ ◆

גלייכצייטיג ווילן מיר מעלדן פאר׳ן ציבור נאך א געוואלדיגע בשורה טובה, אז די הארציגע און איבערגעגעבענע **שלוחי הציבור פון דער ״יו. זשעי. סי.״ האבן בטוב לבם זיך אריינגעווארפן צו שאפן בעז״ה די נויטיגע פאנדן, צו אפקויפן און איינרישן ״צוויי שפאגל נייע באסעס״**, וואס וועט סערווירן אלע איינוואוינער, אנשים נשים וטף, מיט א קוואליטעט און באקוועמליכקייט ווי קיינמאל בעפאר.

אצינד האלט מען אינמיטן אויסארבעטן די לעגאלע און טעכנישע פארמאליטעטן, ווי אינשורענס און אנדערע איינצלהייטן פאר די צוויי באסעס. און גאר אינגיכן וועט געמאלדן ווערן די דעטאלן און פרטים פון די נייע באסעס, בקרוב ממש אי״ה.

**דערווייל, ווילאנג דאס ווערט אלעדיגט, וועט מען תיכף ומיד אנהויבן פארן מיט געווענליכן באס. באלד נאך יום טוב וועט געמאלדן ווערן די נייע אפדעיטעט סקעדזשול און די סטאפס, וואו איך האף אייך צו סערווירן, אזוי ווי ביז היינט, מיט געטריישאפט און אחריות. פאלגט נאך די אפיציעלע מעלדונגען בקרוב.**

◆ ◆ ◆

און צום שלוס, נאכאמאל, אן אמת׳ן טיפן יישר כח מעומק הלב!

**איר, בלומינגראווער איינוואוינער, זענט מיינע העלדן, איר האט עס באוויזן מיט אייער הארץ און מיטגעפיל! איך האב נישט די ווערטער און די מעגליכקייט וויאזוי אייך צו באדאנקן אבער איך בין זיכער איין באשעפער אין הימל וועט אייך באצאלן בכפל כפליים!**

**אייער פריינד, וואס וואַרט אייך שוין צו באגריסן אויפ׳ן שאטל בעז״ה נאָך די ימים טובים...**

יואל אבערלאנדער


Village Of South Blooming Grove
Incorporated on July 14, 2006
P.O. Box 295
Blooming Grove, New York 10914

PERMIT #: 01-2019
DATE ISSUED: SEPTEMBER 30, 2020
DATE EXPIRES: MARCH 31, 2021

Bus/Transportation Permit

ISSUED TO: DERECH EMUNAH LLC

NAME OF OWNER AND/ OR CORP: YOEL OBERLANDER

ADDRESS: 41 Virginia Avenue, Monroe, NY

COMPANY CONTACT PERSON: Yoel Oberlander

PERMIT IS VALID for only: SIX (6) MONTHS

THIS CERTIFIES THAT:

The above stated has met all of the provisions of Section 222-6 of the Village Code and understands the obligations under such provisions.

GEORGE KALAJ
Mayor

THIS PERMIT MUST BE CARRIED AT ALL TIMES AND MUST BE OPEN TO INSPECTION TO ANY LAW ENFORCEMENT OFFICER AND / OR ANY EMPLOYEE OF ANY VILLAGE DEPARTMENT. THIS PERMIT IS NOT TRANSFERABLE AND MAY BE REVOKED AT ANY TIME.






**Jessica Gonzalez**
It's sad to say, but I must admit that we have ourselves ONLY to blame! The Hasidic community is now at 400 plus families! And counting... have we acted as courteous neighbors with logic, instead of emotions - which did, YES IT DID, often times lead to blind hatred just because they're Jewish, and instead of working with them, communicating with them, and talk to each other like human beings I am sure that they would've done the same, instead, we did everything in our power and capacity to harass, antagonize and degrade and intimidate them at every step of the way, and BTW, let's not cry wolf, most of us would've Never Ever had their property values go up to where it is now, let's not keep digging our heads deeper in the ground, my fellow SBG neighbors, we are a day late and a dollar short, make peace with reality!

Like · Reply · 47m

בור כרה ויחפרהו: מערקווירדיגע א פאוסט היינטיגן דאנערשטאג, אויף די פעיסבוק זייטל פון די טרויעריג בארימטע 'פרעזרוו סאוט בלומינג גראוו", ווי איינע פון די גרופע דרוקט אויס באדויער, אז צוליב די ביז יעצטיגע אוממענטשליכע באנעמונג צו די אידישע תושבים, זענען זיי אנגעקומען צו א נידערלאגע אויף זייער זייט.

---

פארלאפענעם דינסטאג האזינו איז געווען א סוער בעקאפ אויף די פיין-הילל גאס א זאך וואס מאכט זיך גאנץ אפט און פלעגט קענען נעמען צייט ביז אזא זאך צו ווערן מסודר, ב"ה אינטער צוויי שעה איז די סיטואציע געווען אינטער קאנטראל, און געוויזן א צייכן אז א נייע עפאכע איז אין גאנג ←

בס"ד

**לוח הזמנים לעיר קרית יואל פרשת סוכות - בראשית תשפ"א**

| Day Month | צאת הכוכבים ר"ת | שקיעת החמה | הדלקת הנרות | פלג המנחה מג"א | מנחה קטנה מג"א | סוף זמן מוסף מג"א | מנחה גדולה מג"א | חצות היום | סוף זמן תפלה גר"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן ק"ש מג"א | הנץ החמה | עלות השחר | פרשיות ימים טובים | יום לחודש | יום | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Oct. 1 | 7:50 | 6:38 | | 6:22 | 4:54 | | 1:22 | 12:46 | 10:48 | 10:24 | 9:13 | 6:54 | 5:42 | | יג תשרי | חמישי | סוכות |
| Oct. 2 | 7:48 | 6:36 | 6:21 | 6:20 | 4:52 | | 1:21 | 12:46 | 10:48 | 10:24 | 9:14 | 6:55 | 5:43 | ערב סוכות | יד תשרי | ששי | |
| Oct. 3 | 7:47 | 6:34 | | 6:19 | 4:51 | 1:55 | 1:21 | 12:45 | 10:48 | 10:24 | 9:14 | 6:56 | 5:44 | א דסוכות, אום נצורה | טו תשרי | שבת | |
| Oct. 4 | 7:45 | 6:33 | | 6:18 | 4:50 | 1:55 | 1:20 | 12:45 | 10:48 | 10:24 | 9:14 | 6:57 | 5:45 | ב דסוכות, למען אמיתך | טז תשרי | ראשון | שמיני עצרת |
| Oct. 5 | 7:43 | 6:31 | | 6:16 | 4:49 | 1:54 | 1:20 | 12:45 | 10:49 | 10:25 | 9:15 | 6:58 | 5:46 | א דחוה"מ סוכות, אערוך שועי | יז תשרי | שני | |
| Oct. 6 | 7:42 | 6:29 | | 6:15 | 4:48 | 1:54 | 1:20 | 12:45 | 10:49 | 10:25 | 9:15 | 6:59 | 5:47 | ב דחוה"מ סוכות, אבן שתי' | יח תשרי | שלישי | |
| Oct. 7 | 7:40 | 6:28 | | 6:14 | 4:47 | 1:53 | 1:19 | 12:44 | 10:49 | 10:25 | 9:16 | 7:00 | 5:48 | ג דחוה"מ סוכות, קל למו', תקופה 4:00 AM | יט תשרי | רביעי | |
| Oct. 8 | 7:39 | 6:26 | | 6:12 | 4:46 | 1:53 | 1:19 | 12:44 | 10:49 | 10:25 | 9:16 | 7:01 | 5:49 | ד דחוה"מ סוכות, אדון המושיע | כ תשרי | חמישי | |
| Oct. 9 | 7:37 | 6:24 | 6:09 | 6:11 | 4:45 | 1:52 | 1:18 | 12:44 | 10:49 | 10:25 | 9:16 | 7:02 | 5:50 | הושענא רבה | כא תשרי | ששי | |
| Oct. 10 | 7:35 | 6:23 | | 6:10 | 4:44 | 1:52 | 1:18 | 12:43 | 10:49 | 10:25 | 9:17 | 7:04 | 5:52 | שמיני עצרת, יזכור | כב תשרי | שבת | |
| Oct. 11 | 7:34 | 6:21 | | 6:08 | 4:43 | 1:51 | 1:18 | 12:43 | 10:50 | 10:26 | 9:17 | 7:05 | 5:53 | שמחת תורה | כג תשרי | ראשון | בראשית |
| Oct. 12 | 7:32 | 6:20 | | 6:07 | 4:42 | | 1:17 | 12:43 | 10:50 | 10:26 | 9:18 | 7:06 | 5:54 | אסרו חג | כד תשרי | שני | |
| Oct. 13 | 7:31 | 6:18 | | 6:06 | 4:41 | | 1:17 | 12:43 | 10:50 | 10:26 | 9:18 | 7:07 | 5:55 | | כה תשרי | שלישי | |
| Oct. 14 | 7:29 | 6:16 | | 6:04 | 4:40 | | 1:17 | 12:43 | 10:50 | 10:26 | 9:19 | 7:08 | 5:56 | | כו תשרי | רביעי | |
| Oct. 15 | 7:27 | 6:15 | | 6:03 | 4:39 | | 1:16 | 12:42 | 10:51 | 10:27 | 9:19 | 7:09 | 5:57 | | כז תשרי | חמישי | |
| Oct. 16 | 7:26 | 6:13 | 5:58 | 6:02 | 4:38 | | 1:16 | 12:42 | 10:51 | 10:27 | 9:19 | 7:10 | 5:58 | | כח תשרי | ששי | |
| Oct. 17 | 7:24 | 6:12 | | 6:01 | 4:37 | 1:49 | 1:16 | 12:42 | 10:51 | 10:27 | 9:20 | 7:11 | 5:59 | מבה"ח מחר חודש | כט תשרי | שבת | |

סוף זמן קרי"ש לשיטת הגר"א מאוחר 36 מינוט | מנחה גדולה לשיטת הגר"א מוקדם 6 מינוט | סוז"ט מוסף לשיטת הגר"א מוקדם 12 מינוט | מנחה קטנה לשיטת הגר"א מוקדם 42 מינוט | פלג המנחה לשיטת הגר"א מוקדם 57 מינוט

יַחְדָו לְפָאֵר מְקוֹם מִקְדָשִׁי

# ״יו. דזשעי. סי.״ קאָמיטע פארטון אין העפטיגע שריט צו פאראויס ברענגען גינסטיגע טוישונגען ביי אויפבוי און רענאוואציע פון בתי מדרשים

**וויכטיגע שתדלנות פראגרעסירט אויפ'ן פראנט פון דורכפירן פאקטישע און באלדיגע ענדערונגען אינערהאלב ״פלענינג באורד״ צושטאנד צו ברענגען לאנג-ערווארטעטע הרחבת גבולי הקדושה אויף אלע זייטן און ווינקלען פון דעם געגנט**

**שלוחי הציבור ארבעטן האנט ביי האנט אינאיינעם מיט בתי מדרשים און קהלות הק' אין דער שטאט, מיט דער האפענונג צו ערייכן פאזיטיווע אנטוויקלונגען למען התרוממות קרן התורה והתפלה בתוככי עירנו אויפ'ן שענסטן פארנעם**

שמחתי באומרים לי בית ה' נלך - ובשם ה' נעשה ונצליח




# סוקסעספולער ״צענזוס דרייוו״ דורכגעפירט געווארן מיט ערפאָלג דורכאויס בליציגער קאמפיין

אונטער'ן פאסיגן סלאגאן ״צען מינוט פאַר צען יאָר״ ווערט איינגעפעדעמט ברייטער ״צענזוס דרייוו״ צו פארשטערקערן דעם איינפלוס פון דעם היימישן געגנט און צו פארזיכערן בעז״ה מיליאנען דאללארן אין פאקטישע הילף וואס ווערט צוניץ קומען פאר יעדן יחיד אין די קומענדיגע צען יאר – עסקנים דרוקן אויס פערזענליכן דאנק פאר הונדערטער בלומינגראוווער איינוואוינער וועלכע האבן פארשטאנען דאס געוואלדיגע נחיצות וחובת השעה און אויסגעפולט דעם צענזוס בויגן פאר די אייגענע טובה און פאר די תועלת פון אונז אלע אויף לאנגע געזונטע יארן

**העכסט דערפאלגרייכער דרייוו שפיגלט ווידעראמאל אפ דעם הערליכן געפיל פון אחדות און אחריות וואס הערשט אין אונזער געגנט מיט אזא פראכט און שיינקייט פון וואס מיר אלע וועלן געניסן די רעזולטאטן**

## מזמור לתודה

אלף תודות לצוות בעלי כשרון שעזרו בכל
פרטי הקאמפיין המהולל בטוב טעם ודעת,
וסיפקו כל צרכי המארקעטינג
במומחיות נפלאה כאשר באמנה אתם

### ה"ה תושבי עירינו היקרים
כל אחד בשמו הטוב יבורך

מוה"ר **יואל פעקעטע** הי"ו
Yufah

מוה"ר **אייזיק פריעד** הי"ו
Fried Writing Service

מוה"ר **מתתי' דייטש** הי"ו

מוה"ר **דוד הערשקאוויטש** הי"ו
3 DH

מוה"ר **שמעון עקשטיין** הי"ו
Call pro

מוה"ר **משה ארי גאברא** הי"ו
מוה"ר **ברוך גוטמאן** הי"ו
Print center

מוה"ר **מאיר הערש שטיין** הי"ו
Print out

מוה"ר **יצחק פריעד** הי"ו
YF Marketing

ברכות יחולו על ראש ידידינו, איש חי ורב פעלים, פה מפיק מרגליו"ת
הרה"ג ר' **בערל מרגליות** שליט"א
שעמד בראש המעמד אדיר להקהל ולעמוד, והפליא את השומעים
בדברי חכמים בנחת נשמעים, תשואת חן חן לו

ברכות יחולו על ראש ידידינו עוז, שפתותיו שושנים, בנש"ק
הרב **יואל וואגשאל** שליט"א
מראשוני מייסדי שכונתינו המעטירה שעמד לימינינו בכל צעד ושעל,
ואף ניהל בטו"ד את הקאנפערענץ קאל ואצל מעמד להקל ולעמוד
ודברותיו בנעימים היוצאים מן הלב נתקבלו בחיבה אצל כולם.

יחקק לטובה ולברכה שמות אלו העסקנים החשובים, שעסקו בלי
ליאות לקבץ על יד ירבה בהצלחה מרובה, במסגרת

### רעגיסטראציע דרייוו

מוה"ר **אורי דייטש** הי"ו
מוה"ר **משה האלפערן** הי"ו
מוה"ר **חיים גליק** הי"ו
מוה"ר **יושע אלימלך ביטמאן** הי"ו
מוה"ר **הערשל לעווי** הי"ו
מוה"ר **יואל שטערן** הי"ו
מוה"ר **יצחק עקשטיין** הי"ו
מוה"ר **מרדכי לייב האלצער** הי"ו
מוה"ר **דוד קרויס** הי"ו

ברכת הכרת הטוב לידידינו וידיד כל נפש חי
מוה"ר **לייבל הערשקאוויטש** הי"ו
**משמש ביהמ"ד דברי חיים צאנז זמיגראד**
שהי' לנו לעזר ותושי' בכל עת ועידן

# כִּי עַתָּה הִרְחִיב ה'

בעמדינו אחרי התוצאות המרנינות כאש
למלאות אחרי הוראות ג
לקדש שם שמים במדה גדושה ולהציל בפ

לעת כזאת מחובותינו להגיד לאדם ישרו ולחקוק בעט ברזל ועופרת ה
**תושבי שכונתינו, שעמדו לימינינו בעוז ותעצומות**, ועמלו בלי ליאות איש
**ולמען עתיד שכונתינו מיד ולדורות**, אשר הודות למסירתם ועבודתם

הגיע זמן ל
ברגשי שיר ושבח נודה לשמכם בברכ

## למעלה מ

## אחים ורעים, שכינים וידידים, תוש

# בלומינגרא

שקיימו וקבלו עליהם חובת השעה בכל לב ונפש ויצא
ואף על כל הקישויים וההמתנה הארוכה אזרו חיל
ואכן חפץ ה' בידכם הצליח לנצח על מלאכת בית ה'! ד

**ובהאי שעתא נתקיים בנו ובכם מאה"כ "ה**
**יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם" מה רב**

## מזל טוב!!!

נשגר איחולי צלח ורכב להני מטיבי לכת, קרואי מועד אנשי ש
ולשרת את הציבור בנאמנות ובמסירות הני אנשי ה

**הרה"ח מוה"ר אברהכ**
**הרה"ח מוה"ר יצחק**
שנבחרו ברוב הקולות ל
**במשרת "טראָסטי" בראש הנהלת**
יהי נועם ה' אלקינו עליכם להצליח דרככם בהשקט ובטחה, למצוא חן ושכ
הצלחתכם

הנה כי כן יברכו ידידינו היקרים, אנשי חיל, עסקנים נכ
מוה"ר **שמעי' שפיצער** הי"ו     מוה"ר **שמע**

מזמור לתודה, להני תנצרא דדהבא, לעומתם מש
מוה"ר **משה האלפערן** הי"ו
**העומדים בראש מפעל הנ**
שהקדישו את מקום בית משרדם פתוח לרוחה לכל הפעו

**אשריכם גבורי החיל כל העו**
**בדעת ובמעש, עד להפליא! ש**

**זכיתם אתם להרים ק**
**ורק הודות לפעולת**
**חבלים נפלו לכם בנעימי**

יברכו כולם מלפני אבינו שבשמים ויעמדו
להוושע בדבר ישועה ורחמים וימלא ה' כל משאל

החותמים ברגשי הכרה,
**חיים גליק • משה הא**
**דוד קרויס • מרדכי לייב האל**

# יואל שטערן

# לָנוּ וּפִרְיֵנוּ בָּאָרֶץ!

שר זכו אחים לדעה תושבי עירינו שיחי',
דולי רבני העיר שליט"א,
על עתיד השכונה למענינו ולמען דורותינו.

תודתינו העמוקות, **הכרת הטובה ואיחולי תודה לכל אלו אחים לדעה**
ש על מחנהו ואיש על דגלו למען הצלחת המערכה **למען כבוד שמו יתברך**
הנפלאה זכינו לראות פרי עמלם בהצלחה המופלאה לשם ולתפארת.

לומר שירה!
ת מזלא טבא בצהלת הלב אל מול פני

## 600 מאות

## בי בלומינגראוו כולנו כאחד שיחי'

# וו באחדות

מו בהמוניהם לבחור וליתן את קולם למען עתיד העיר,
ולא נסוגו אחור עד השעות המאוחרות של הערב.
לכונן שכונתינו על תילה למען יעמוד ימים רבים בעז"ה!

**ידריכם בדרך ישרה ללכת אל עיר מושב**
**ב חלקם וחבלם! אשריכם מה טוב חלקיכם!**

## ברכות לרוב!!

שם, שני צנתרי דדהבא, שקבלו על עצמם להטיב עם ישראל,
מעש ברוב אונים, שמם מפארים, בהילולים ותוארים

## ם משה ווייס הי"ו
## פעלדמאן הי"ו

להיות עומדים ומשמשים

**"ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו"**

ל טוב בעיני אלקים ואדם ולכונן עיר מושב על תהלה ברוב סייעתא דשמיא!
- הצלחתינו!

בדים, שפעלו בנאמנות יתירה בתור **"פּאָול וואַטשערס"**

**ון שווארץ** הי"ו    מוה"ר **אורי דייטש** הי"ו

שבחים וברוך עונים, שמם הטוב משבחים ומפארים
מוה"ר **אליעזר שווימער** הי"ו
**ידע לתהלה Blooming Realty**
לות הכבירות במשך ימים ושבועות בחפץ לב ובתשואות חן

**סקים והמסייעים בעזר ותושי',**
**כרם הרבה מאוד על פי פעלם!**

**רן שכונתינו המעטירה**
**כם הגיענו עד הלום!**
**ם אף נחלת שפרה עליכם!**

על הברכה בשובע שמחות והשפעות טובות,
ות לבם לטובה עדי נזכה לבנין ציון וירושלים, בב"א.

ובברכת שמחת יום טוב
לפערן • הערשל לעווי
לצער • יושע אלימלך ביטמאן
**יצחק עקשטיין**

## התהלה והתפארת

להני עושים ומעשים שהיו לנו
לעצה ותושי' במשך כל הזמן
בפעולות והשתדלות מרובה

שר ונזר השתדלנים, לפני מלכים ורוזנים יתייצב
הרה"ח מוה"ר **משה דוד**
**ניעדערמאן** שליט"א
עקזעקטיוו דירעקטאר יו.זשעי.או.
ובנו ההולך בדרכי אבות, מוה"ר **יואל** הי"ו

הרה"ח מוה"ר **אהרן בנציון ווידער** הי"ו
ראקלענד קאונטי לעגיסלעיטאר

מוה"ר **יצחק לעבאוויטש** הי"ו
מוה"ר **שמעון ישראל פאזען** הי"ו

נעימות יזמרו לאלו האברכים החשובים והעסקנים הדגולים, כל אחד בשמו הטוב יבורך, שנטלו חלק בראש, ועמדו בכל העת הכן לעשות ולפעול, וברוב אונים ואמיץ כח עסקו ופעלו למען ההצלחה הכבירה בעז"ה

מוה"ר **יושע אלימלך ביטמאן** הי"ו
מוה"ר **יואל גאלדשטיין** הי"ו
מוה"ר **משה האלפערן** הי"ו
מוה"ר **אליעזר שווימער** הי"ו
מוה"ר **משה האלבערשטאם** הי"ו
מוה"ר **לייב ראזנער** הי"ו
מוה"ר **יוסף אלי האראוויץ** הי"ו
מוה"ר **יצחק מרדכי האלפערט** הי"ו
מוה"ר **אברהם שלמה האלפערט** הי"ו
מוה"ר **יואל פעקעטע** הי"ו
מוה"ר **שלום יודא ווייס** הי"ו
מוה"ר **ישעי' הירש** הי"ו
מוה"ר **יעקב חיים כ"ץ** הי"ו
מוה"ר **יצחק פעלדמאן** הי"ו
מוה"ר **חיים גליק** הי"ו
מוה"ר **שלמה** בר"אמ **ווייס** הי"ו
מוה"ר **יואל קארענבלי** הי"ו
מוה"ר **יואל אבערלענדער** הי"ו
Bloomingrove Shuttle
מוה"ר **יושע ליבערמאן** הי"ו
מוה"ר **יואל טייטלבוים** הי"ו
מוה"ר **יחזקאל מערץ** הי"ו
מוה"ר **אליעזר ווייס** הי"ו
מוה"ר **הערשל שטערן** הי"ו
מוה"ר **דוד וואגשאל** הי"ו
החתן **ישראל גליק** ני"ו

מנשים באהל תבורך

**מרת גליק** תחי', אשת הרה"ח ר' חיים
**מרת גערטנער** תחי', אשת הרה"ח ר' שמעון
**מרת הירש** תחי', אשת הרה"ח ר' ישעי'

די חשוב'ע נשים צדקניות וואס האבן שטארק
ארויסגעהעלפן מיט די פעולות לטובה פון די יו.זשעי.סי.

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org



**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Krausz**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*


## וויכטיגע אפדעיט און מעלדונג

דערמיט טוען מיר מודיע זיין פאר אלע איינוואוינער, אז לויט די גרונד - שטאַטוטן
פון דער "יו. דזשעי. סי." פּאַראיין וועט בעז"ה אָפּגעהאַלטן ווערן די יערליכע

# יו.דזשעי.סי.
# באורד וואַלן

**צו ערוועלן "באורד מיטגלידער" וועלכע זאלן יושר'דיג און גלייך פארטרעטן**
**דעם ציבור אינערהאלב דעם באורד דורכאויס דאס גאנצע יאר**

וואס וועט פארקומען

# ליל שישי פרשת וירא

**י"ט חשון, הבעל"ט, ולמספרם Nov. 5**

ומכאן הקריאה יוצאת, צו אישי הציבור מיט ענערגיע, **אידן וואס האָבן אַ האַרץ צו עסקנות פאַר'ן ציבור, וועלכע ווילן ארויסשטעלן זייער קאנדידאטור אויפ'ן שטים צעטל צו זיין א טייל פונעם באורד**, אלס דער פאָרשטייער פון זייער ביהמ"ד, קהלה, אָדער שכונה

**זאלן ביטע איבערגעבן זייער נאמען פאר דעם ספעציעל באַשטימטן קאָמיטע אויפ'ן נומער 845.237.4828 #0**

**און איבערגעבן זייער גרייטקייט צו זיין אויפ'ן שטים צעטל צו פאַרטרעטן אייער בית המדרש אדער געגנט! אזוי אויך קען מען איבערגעבן סיי וועלכע הערות און הצעות, אנבלאנגט די בעפארשטייענדע באורד וואלן**

אין די יעצטיגע טעג איז "יו. דזשעי. סי." טעטיג צו פאַרענדיגן ענדגילטיג די פּונקטליכע צוגאַנג וויאַזוי אַוועקצושטעלן די וואלן, עס זאָל זיין מיט די גרעסטע מאָס ישרות וואָס מעגליך, מיט רעפּרעזענטאַטן פון יעדע קהלה, און יעדע שכונה, עס זאָל זיין אַ דבר נאה ומתקבל פאַר די הונדערטער תושבי השכונה.

מער דעטאלן וועלן נאכפאלגן באלד נאך יום טוב אי"ה. ובשם ה' נעשה ונצליח.

בברכת שמחת יום טוב, ובכבוד רב

**United Jewish Community of Blooming Grove**

# בַּעֲבוּרֵנוּ, אַל תִּמְנַע מָיִם!

אַן אקטועלן בַּליק ארום די אקטיוועטן אַהערשטעלן ריינע וואסער אין אונזער שטאט

## ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה

אריינטרעטענדיג אין דעם פרייליכן יום טוב סוכות, ווען אידישע קינדער זענען אזויפיל מתפלל שמיני עצרת מיט די ספעציעלע הייליגע תפלה פון "גשם", בצדקם חון חשרת מים, איז דוכט זיך נישט פארהאן קיין פאסיגערע "דבר בעתו מה טוב", ווי צו כאפן א שטיקל איבערבליק אויף די טעמע פון "וואסער", און הויפטזעכליך "ריינע וואסער", דא אין שטאט.

דער כראנישער פראבלעם פון די אומריינע וואסערן וואס פלאגט אונזער געגנט, איז פאקטיש איינס פון די סאמע ערשטע און וויכטיגסטע פריאריטעטן, פונעם ערשטן טאג וואס מען ב"ה געטוישט די ווילעדזש אדמיניסטראציע צום גוטן. שטייענדיג ביי א מאמענט ווען ס'איז ב"ה שוין פארהאן וואו די ברכה זאל חל זיין, מיט א סימפאטישע ווילעדזש פירערשאפט, איז מען אנטשלאסן צו ארבעטן שנעל און אקטיוו אז עס זאל טאקע זיין א שפע פון לויטערע קלארע וואסער, לברכה ולא לקללה!

אין די קורצע צייט זינט דעם פארלאפענעם ערב ראש השנה העעל"ט, האבן די געטרייע עסקנים פון "יו. דזשעי. סי." שוין פאקטיש געשפענדעט צענדליגער שעות און לענגערע זיצונגען צו אבזערווירן דעם פראבלעם, נאכגיין די אינפארמאציע און ערמעגליכן די פאסיגע לעזונגען אויף א באלדיגן פארנעם, צו די דערלייכטערונג פון אלע איינוואוינער.

## וואס איז דער שורש פון דעם ביז יעצטיגן קריזיס

נאכ'ן גרינטליך באטראכטן און איבערגיין די סיטואציע האט זיך נאכאמאל ארויסגעשטעלט, דאס וואס מיר אלע האבן געוואוסט, אז דאס גרעסטע טייל פון די פראבלעמען אויפ'ן געביט פון וואסער איז איינפאך געקומען פון אן אומקאמפעטענטע און שלאבערישע ווירטשאפט אין דעם געוועזענעם ווילעדזש אפיס, וואס האבן פשוט נישט געטון די מינימאלסטע שריט צו באזארגן די איינוואוינער מיט די מינימאלע סערוויס פון ריינע וואסער.

פאקטיש איז פארהאן עטליכע קלייניגקייטן, וואס קען און וועט בעז"ה געטון ווערן אין די קומענדיגע נאנטע וואכן און מאנאטן, וואס וועט באלד עפעקטירן מיט אן אויסטערלישע שינוי לטובה אויפ'ן קורצן טערמין, לתועלת והרוחת תושבי העיר. ווען צו דער זעלבער צייט וועט מען כסדר דארפן אפגרעיטן דעם סיסטעם מיט נויטיגע איינריכטונגען, צו קענען נאכקומען דעם וואקסענדן געברויך מיט א בליק אויף פאראויס צו אקאמאדירן דעם בליה און וואוקס פון אונזער שטאט בליעה"ר.

אבער לאמיר טאקע גיין פאוואליע... און צוערשט באטראכטן די צענטראלע פראבלעמען וועלכע האבן ביז היינט געפלאגט דעם וואסער אינפעסטראקטור ביי אונז אין דער שטאט.

## פראבלעם נומער 1: ס'איז פארהאן א מאנגל אין וואסער

צום אלעם ערשט, פארמאגן מיר דערוויילע א מאנגל אין וואסער, אַן א.ג. "אינוועטאר" פראבלעם, וואס באדייט אז ס'איז פשוט נישט פארהאן גענוג וואסער פאר'ן געברויך פון דער שטאט.

פאקטיש איז עס שוין שוין לאנגע יארן, וואס דער "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו" געפינט זיך אונטער א "וואסער רעסטריקשאן", וואס באדייט אז ס'איז פארבאטן צו נוצן וואסער אויף איבעריגע געברויכן, ווי באוואסערן די גראז, אנפולן סווימינג פולס, א.א.וו. צוליב דעם וואס עס איז נישט פארהאן גענוג וואסער פאר די נויטיגע געברויכן.

## פראבלעם נומער 2: דאס וואסער איז נישט ריין

בנוסף דערצו, האלטן עס אלע מיט, אז דאס וואסער וואס מיר האבן יא, איז ברוינליך, שמוציג און אומריין, וואס מאכט אז עס זאל אינגאנצן נישט זיין געאייגנט צו נוצן ווען מען וויל וואשן וועש, מאכן וואַנעס, און אפגערעדט צו קאכן און באקן.

די אורזאך פארוואס די וואסער איז אזוי אומריין קומט פון צוויי באזונדערע סיבות וואס זענען דאס גורם.

טייל פון די קוועלער, וואס בלומינגראוו באקומט וואסער פון זיי, אנטהאלטן הויכע לעוועלס פון צוויי סארט מינעראלן, וועלכע קומען פון די טיפענישן פון דער ערד. דאס זענען magnesium און iron.

דאס מציאות איז אז ווען אט די צוויי מינעראלן טרעפן זיך אָן מיט "קלארין", וואס מען נוצט אפיציעל צו פילטערן דאס וואסער, דאן פאסירט א נאטורליכע "ריעקשאן" אז דאס וואסער ווערט ברוין. דאס קען מען נישט פילטערן, ווייל דאס ווערט ווי די נאטורליכע קאליר פון דאס וואסער.

אזוי ווי יעדער פארשטייט, אז ווען מען נעמט א פלעשל "גרעיפ דזשוס" און מען שטעלט דאס אריין אינעם בעסטן פילטער, וועט דאס פארבלייבן מיט'ן קאליר פון גרעיפ דזשוס. אויך אויב מען וועט דאס גרינטליך פילטערן, וועט דאס מעגליך ווערן ליכטיגער, עס וועט זיין קלאר און ריין, מען וועט עס זאגאר קענען דורכקוקן, אבער מיט'ן קאליר פון גרעיפ דזשוס וועט דאס בלייבן...



ושאבתם מים בששון:
איינס פון די קוועלער פון די ווילעדזש אויף די רט.208
וואס וועט אי"ה אויפגעארבעט ווערן צו געבן מער וואסער

אקוראט דאס זעלבע שפילט זיך אפ מיט דאס וואסער, וואס פארמאגט די אויבנדערמאנטע מינעראלן, וועט דאס ווערט אויסגעשמישט מיט "קלארין", באקומט דאס דעם ברוינליכן קאליר, וואס איז אפילו נישט מעגליך צו פילטערן.

דאס איז איין ערנסטע סיבה פארוואס מיר באקומען ברוינע וואסער אין קראַן.

דערנאך איז פארהאן פשוט'ע שמוציגע וואסער, וואס איז געמישט מיט זאמד און מאראסט. דאס איז א דירעקטע רעזולטאט פון דעם וואס מען ברויך אזויפיל "מעינטעינען" די אלטע וואסער קוועלער און די פארלאזטע וואסער פייפס, וואס ברענגט אז דאס וואסער זאל ווערן אויסגעמישט מיט אזויפיל שמוץ.

אין יעדע וואסער פייפ, וואו עס פליסט וואסער אומאויפהערליך פאר לאנגע יארן, ווערט מיט דער צייט אנגעלייגט מיט "sediment", אדער בעסער באקאנט אלס "זאץ". דאס זענען אלטע שטיקלעך זאמד, ראסט, א.א.וו. וואס זאמלען זיך אן ביים גרונד פון די פייפס. געווענליך ווען דאס וואסער פליסט איז דאס געווענליך נישט קענטיג, ווייל די זאץ ליגט דאך אונטן און דאס וואסער פארט אן זיך אויסמישן דערמיט.

אויב אבער איז מען כסדר פארנומען צו "מעינטעינען" די קוועלער, דאן הייבט זיך אן די פראבלעמען.

ווייל ווען מען לעשט אויס דעם פאמפ, און דערנאך צינדט מען דאס אן מיט א שטארקייט, פאסירט אויטאמאטיש אז דאס וואסער הייבט אן פליסן מיט א מאכטפולן שטויס קראפט, וואס גיט א טרייב אויף אלע אנגעזאמלטע שמוץ.

יעדעס מאל - און דאס איז גאנץ אַן אפטע ערשיינונג - וואס מען לעשט אויס דאס וואסער, צוליב "מעינטענעס", און דערנאך צינדט מען עס אָן ווערט אויפגעשאקלט אלע אנגעלייגטע זאמד, שטויב, און אלע ערליי מאראסט, וואס שפירט זיך צום באדויערן גוט ווען מיר עפענען די קראנען יעדן שני וחמישי.

## אונזער וויזיע; עפעקטיוו לעזן דעם קריזיס

אצינד אז מיר זענען קלאר וואס עס זענען די צוויי הויפט פראבלעמען וועלכע מוטשען אונזער וואסער סיסטעם, נעמליך אַן אלגעמיינע מאנגל אין וואסער און אומריינע וואסערן וועלכע ווערן

פאראורזאכט צוליב עטליכע סיבות, לאמיר אלזא באטראכטן די לעזונגען וועלכע קען און וועט בעז"ה געטון ווערן אין דער נאנטער צוקונפט פאר ביידע פראבלעמען.

על ראשון ראשון, איבער דעם "וואסער אינווענטארי" טעמע, האט מען זיך צוזערשט ארייגעלייגט צו קענען כאטש אראפנעמען דעם "וואסער רעסטריקשאן" ווי אמשנעלסטן, דורך ערמעגליכן אז אונזער געגנט זאל האבן גענוג וואסער פאר'ן יעצטיגן געברויך, און מען זאל נישט שטענדיג זיין אין א מאנגל.

מען ארבעט דעריבער צו ההערשטעלן א קראנטן און שטאנדהאפטיגן פלאן אז דא זאל זיין גענוג וואסער, פאר לויט וויפיל איינוואוינער עס איז יעצט פאראן אין דער געגנט, און פאר לויט וויפיל וואסער מען דארף האבן אין באנוץ אין אלע אומשטענדן.

מען ארבעט אויף אלע פראנטן אז קודם זאלן מיר זיין אינדרויסן פון דעם קריזיס אזוי ארום אז אפילו ווען עס מאכט זיך אן אקטיווער סעזאן, ווען מען נוצט מער וואסער ווי געוועגליך, א שטייגער ווי זומער, מוצאי פסח און סוכות, מוצאי תשעה באב, א.א.וו. זאל מען זיך נישט טרעפן אן קיין וואסער, ווי ביז היינט, נאר עס זאל זיין אלץ זיין גענוג וואסער צו נאכקומען די געברויכן פון די איינוואוינער.

פארשטענדליך אז דאס בלויז די קורץ טערמיניגע לעזונג, ווען גלייכצייטיג דארף מען שוין קוקן פאראויס אויף'ן לאנגן טערמין, אז דא זאל בעז"ה זיין א שטאנדהאפטיגע לאנגיעריגע סופליי פון טויזנטער גאלאנען וואסער בשפע אומאויפהערליך, פאר'ן וואוקס און בליה פון דער געגנט לאורך השנים.

## עפענען די צווי פארשטאפטע קוועלער

די געטרייע "יו. דזשעי. סי". עסקנים, וועלכע האבן זיך ארייגעלייגט אין דעם פראיעקט, האבן באשטעטיגט אז דאס וואסער פאר דעם "ווילעדזש" ווערט געפאמפט פון 9 באזונדערע קוועלער, וואס א טייל דערפון פארמאגן היבש קוואנטומען פון די איבנדערמאנטע magnesium אדער iron מינעראלן, וועלכע ווערן שפעטער ברוינע וואסער.

די עטליכע קוועלער מיט די מינעראלן, ציינדט מען אָן נישט געוועגליך, ווייל מען וויל דאך פארמיידן די שמוציגע וואסער, בלויז ווען די וואסער טאנקן זענען שוין נידריג און ס'איז שוין דא א שטיקל "וואסער שארטיזש".

צו פארמיידן אט דעם גאנצן עסק איז אייגנטליך פאראן א פשוט'ע אויסוועג, וואס איז איינפאך נישט איינגעפאלן פאר די געוועזענע ווילעדזש טאטעס...

נעמליך, ס'איז פאראן א געוויסער סארט פילטער, Sand water filter, וואס איז טאקע עטוואס טייערער ווי "קלארין", אבער דאס טוט נישט עפעקטירן דאס וואסער וואס פארמאגט מינעראלן, און עס טוישט נישט דאס קאליר פון די וואסער.

טראצדעם וואס אין געוועגליכע אומשטענדן איז "קלארין" טאקע רעקאמענדירט און ביליג צו פילטערן דאס וואסער אין די פייפס, איז אבער פאראן אויסנאמען, צ.ב.ש. ווי אונזער פאל, אויב דאס וואסער איז הויעך אין magnesium, וואס מען דארף נוצן אַן אנדערער סארט פילטער, און דערמיט האט מען צוויי אופטאונגען אויף איינמאל.

סיי וועלן מיר האבן ריינערע וואסער, און גלייכצייטיג ווען מען וועט קענען נוצן שטענדיג אויך די עטליכע קוועלער, וואס ווערן יעצט נאר באנוצט בשעת הדחק צוליב די ברוינע וואסער.

בלויז אלס א ביישפיל:

עטליכע פיס אוועק פון דעם "ווילעדזש האלל", ליגט א 'פאמפ' פון א קוואל, וואס האט די מעגליכקייט צו פאמפן אזויפיל ווי 80 גאללאן וואסער יעדע מינוט פון טאג. די 'פאמפ' שטייט אבער פארמאכט און עס ווערט נישט באנוצט. פארוואס ? ווייל דער קוואל איז הויך אין די מינעראלן, און דער ווילעדזש איז ביז היינט געווען צו אומבאלומפערט זיך צו איינהאנדלען דעם ריכטיגן פילטער סיסטעם, ווידעראום קלארין האט מען נישט געוואלט נוצן, צוליב דעם וואס עס מאכט דאס וואסער ברוין, איז געבליבן אז דער פאמפ וואס קען ווען צושטעלן נאך 80! גאללאן וואסער פער מינוט! שטייט פארמאכט און זאמלט שטויב.

נאך א ביישפיל פון פרישע וואסער וואס קען בעז"ה באלד ארייגיין אין באנוץ:

דא אין ווילעדזש איז פאראן נאך א קוואל, וואס קען פאמפן אומגעפער 50 גאללאן פער מינוט, אבער די קוואל איז איינפאך פארשטאפט.

וואס איז געשען? דורכאויס די יארן ווען מען נוצט א קוואל קען זיך מאכן אז די עפענונג פון דעם קוואל, וואס איז עטליכע הונדערט פיס טיף אריין אין דער ערד, זאל ווערן פארשטאפט פון פארשידענע שטיקלעך זאמד אדער שטיינער וואס פאלן אריין און פארדעקן דעם גרונד פון דעם קוואל. מען דארף דאס פשוט אויפדרילען און אויסקלארן מיט די נויטיגע מאשינעריי, אז עס זאל צוריק אנהויבן פאמפן אן קיין שטער.

אין אונזער פאל, איז דער פאמפ פארשטאפט געווארן, און ביי דעם איז עס געבליבן... קיינער האט זיך נישט גענומען די מיה דאס צו אויפשטאפן...

אלענפאלס, אצינד מיט א נייע אחריות'דיגע ווירטשאפט אין אפיס, איז ב"ה שוין פאראן פרישע 130 גאלאנען וואסער פער מינוט, וואס קען אנגעהויבן גענוצט ווערן ממש אין די גאר נאנטע טעג, דורך פארערכטן די עטליכע קלייניגקייטן וואס וועט ברענגען א שפע פון וואסער פון "עקזיסטירנדע" קוועלער.

## מיר פארמאגן גענוג קוועלער, מען ברויך עס בלויז געפינען...

אין צוגאב דערצו, וועט מען אנהויבן מיט די ארבעט צו זוכן און גראבן פרישע קוועלער, וואס זאל פארזיכערן א ברייטן וואסער באנוץ, מיט לויטערע ריינע וואסער, פאר לאנגע יארן.

צו פארשטיין בעסער וויאזוי דאס ארבעט, לאמיר אויף א ווייליע באטראכטן אונזער שכינות'דיגע "קרית יואל", וואס האט אַן אפיציעלע וואסער דעפארטמענט, מיט ארבעטער וועלכע באשעפטיגן זיך אויף ביידע פראנטן, סיי צו זוכן פרישע קוועלער און דאס זעלבע צו דורכפירן די נויטיגע "מעינטענענטס" אויף די עקזיסטירנדע קוועלער צו פארזיכערן אז עס ווערט ארויסגענומען דאס מאקסימום וואסער וואס קען ארויסגענומען ווערן פון יעדן קוואל.

אדאנק די פלייסיגע ארבעט פון די דארטיגע וואסער דעפארטמענט איז דער מציאות אז "קרית יואל", וואס זיצט אויף 1.3 סקווער מייל, פארמאגט היינט צוטאגס גענוג קוועלער און פאמפ סטאנציעס אז עס זאל שטענדיג זיין גענוג וואסער בריוח פאר אלע טויזנטער איינוואוינער בליעה"ר. בלויז געציילטע עטליכע מאל אין יאר, דארף מען צולייגן וואסער צו די טאנקן, צ.ב.ש. מוצאי יו"ט אדער מוצאי ת"ב, ווען דאס וואסער באנוץ גייט ארויף צו ריזיגע אומגעווענליכע קוואנטומען. אבער דורכאויס דאס גאנצע יאר איז פארהאן גענוג און נאך וואסער פאר די גאנצע שטאט.

(דאס איז, אגב, אין צוגאב צו דעם מאסיוון 'פייפליין' מיט פרישע מיליאנען גאלאנען וואסער, וואס איז דערווייל נאכנישט אין קראפט).

אצינד מאכט זיך אליינס דעם חשבון: אויב קרית יואל מיט אירע 1.3 מייל האט גענוג קוועלער פאר אזא געדוכט - באוואוינטע שטאט, דאן איז קיין צווייפל אז אויך אין דער "ווילי'דזש וואו סאוט בלומינגראוו", וואס זיצט אויף א פיל גרעסערן שטח פון 5.1 סקווער מייל, איז פארהאן גענוג זויבערע וואסער, די והותר, עס זאל זיין בריוח גדול פאר אלעמען.

מען דארף בלויז "הייערן" די ריכטיגע פראפעסיאנאלן וועלכע באפאסן זיך צו זוכן און אויפגראבן וואסער קוועלער, און מען וועט בעז"ה האבן ריינע קלארע וואסער מיט א שפע. איבערהויפט אז פראצענטועל, פער קעפיטע, איז דאך דא פיל ווייניגער באוואוינט ווי קרית יואל, און דער שטח איז פיל גרעסער.

## די ריזיגע וואסער קוועלער וואס מען דארף אפילו נישט זוכן...

נאכמער! ס'איז אייגנטליך אפילו נישט אזוי וויכטיג צו גיין "זוכן" און "טרעפן" פרישע קוועלער. פאקטיש ווייסט מען פון ריזיגע קוועלער אין אונזער ווילעדזש, וואס קען תיכף ומיד סופלייען טויזנטער גאלאנען וואסער, נאר עס איז נישט באנוצט געווארן ביז היינט, צוליב דעם וואס דער ווילעדזש איז זיך נישט דורכגעקומען מיט די שכינים.

צ.ב.ש. דער שטח פון דעם באקאנטן "sleep" האטעל, וואס דער אייגנטומער, א געוויסער מר. זשערי געגליארדי, פארמאגט הונדערט עיקער לאנד וואו ס'איז אויך פארהאן עטליכע ריזיגע קוועלער וואס קען צושטעלן טויזנטער גאלאנען, סיי פאר וואסער און סיי פאר סוער באנוץ. מען דארף פשוט אנקניפן מיט אים די פאזיטיווע דיפלאמאטישע באציאונגען און דאס וועט ווערן מסודר אויפ'ן בעסטן פארנעם.

דאס זעלבע איז מיט דעם שטח פון די צוקונפטיגע "Clovewood" דעוועלאפמענט, וואס באלאנגט פאר היימישע אייגנטומער. דער שטח האט פאקטיש גענוג וואסער קוועלער וואס זאל זיין גענוג פאר דעם גאנצן "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו", שוין נאכדעם וואס מען רעכנט אריין דעם גאנצן דעוועלאפמענט!

דא זיצט מען אויף ריזיגע וואסער קוועלער, וואס וועט בעז"ה, מיט די ריכטיגע שריט, באנוצט ווערן אין דער נאנטער צוקונפט צו ארייינברענגען טויזנטער גאלאנען פון קלארע ריינע וואסער צו אונזערע שטובער.

ווי ערווענט, ארבעט מען ווירקליך אצינד אויףביידע פראנטן. צוערשט אויפ'ן קורצן טערמין, צו געפינען א באלדיגע לעזונג דורך ארייינברענגען און עפענען פרישע קוועלער וואס זאל באלדיג אפשטעלן דעם יעצטיגן מאנגל. און דאס זעלבע קוקט מען שוין ארויס מיט א וויזיע אויפ'ן עתיד, צו אהערשטעלן גענוג אייגענע קוועלער וואס זאלן זיין גרייט צום באנוץ אויף די קומענדיגע לאנגע יארן, עס זאל שטענדיג זיין א וואסער סופליי אן קיין

* * *

**אין דעם קומענדיגן ארטיקל, וועלן מיר בעז"ה אדרעסירן דעם "מעריוואלד פילטערעישן פלענט", וואס איז סטאנציאנירט קעגן איבער "מענדזשען ראוד", מיט א ניכטערן בליק אויף די פאקטן און די אנטוויקלונגען ארום דעם פראיעקט, בעבר בהוה ובעתיד.**




אוֹדֶה ה' מְאֹד בְּפִי

# וּבְתוֹךְ רַבִּים אֲהַלְלֶנּוּ:

גאַסט עדיטאָריעל

**מיינע געפילן מלא רגש, פון שבח והודאה להשי"ת, פון הארץ צו הארץ**


פון: **יואל שטערן**

באורד רעפרעזענטעטיוו פון די פאראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו


**ווי איז דען פארהאן א מער פאסיגע צייט ווי ערב סוכות, זמן שמחתינו, צו זיך ווענדן מיט א ליוב געזאנג צום רבון עלם ועלמיא, אז מען האט ב"ה געקענט אריינגיין אין דעם יעצטיגן חודש האיתנים, דער לעכטיגער חודש תשרי, מתוך שמחה באנפין נהירין, מיט א שמחה עילאה, נאך די ביטער שווערע האראוואניע פון לאנגע חדשים, ווען מיר אלע תושבי העיר זענען אריבער אזויפיל ביז צום גליקליכן מאמענט, ווען מיר רופן אויס "מודים אנחנו לפניך ה' אלקינו על כל החסד אשר עשית עמנו ואשר אתה עתיד לעשות עמנו".**

**באמת, אז מען קלערט אריין, איז דאך אויף דעם גופא, אז מיר שטייען שוין דא ב"ה ווען מען קען דאנקן און לויבן השי"ת אויף די גרויסע חסדים, אט דערפאר זעלבסט דארף מען דאנקן. מיר איינפאכע מענטשן זענען בלויזע מבקשים, מקבלים, און אבינו אב הרחמן איז דער נותן וואס אָן אים איז גארנישט פארהאן, כי מידך הכל ומידך נתנו לך. און אז מיר ווייסן צו אנערקענען וויפיל השי"ת האט אונז געהאלפן, אז מיר ווייסן צו מכיר טובה זיין אויף זיינע וואונדערליכע הילף, נודה ה' מאוד בפינו ובתוך רבים נהללנו, מיט א בקשה על העתיד אז ולא עזבינו חסדיך ה' אלקינו.**

★ ★ ★

## בלומינגראוו טעיתי! מיר קומען אייך אַן אנטשולדיגונג...

מיט עטוואס מער פון א יאר צוריק, ליל שישי דברים תשע"ט איז עס געווען, ווען מה' מצעדי גבר כוננו, צו ווערן אריינגעמישט מיט עסקנות לטובת הציבור דא ביי אונז אין בלומינגראוו.

אין א פערזענליכע נאטיץ, איך האב שוין ב"ה עוסק געווען למען צרכי הכלל דורכאויס די יארן. אייגנטליך האב איך שוין בימי בחרותי געהאט די זכי' צו ארויסהעלפן מיט עסקנות לכל קדשי בית סאטמאר, ובתוכם משמש צו זיין בקודש פנימה, ביי כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א אין וויליאמסבורג, אזוי ארום אז **דער טערמין "עסקנות" איז ביי מיר נישט געווען פרעמד**, ס'איז מיר "געליגן אין דער בלוט", ווי מען רופט עס.

פארט אבער, **אהערגעקומען וואוינען אויף בלומינגראוו בין איך דירעקט נישט דערפאר**. אדרבה, ווען מען האט זיך אומגעקוקט אויף א נייע געגנט וואו זיך צו אריבערציען מיט די פאמיליע, האב אונזער געגנט בלומינגראוו געגעבן דעם ריכטיגן איינדרוק ווי א געבענטשטע מקום מנוחה, א באשיידן ווינקל צו לעבן רואיג. זייענדיג ב"ה פארנומען מיט די טרדות הפרנסה און נישט האבנדיג צופיל איבעריג צייט פאר עסקנות האט מען געקלערט אז בלומינגראוו איז די פאסיגע "מקום מקלט", אזא שטילע ראיאן, וואו מען קען אנגיין מיט'ן לעבן אויף א שיינעם פארנעם, צו טון דאס ריכטיגע, לערנען, דאווענען, אהיימברענגען פרנסה, מיט א רואיגקייט, במנוחה ובשלוה.

איך האב באמת נישט גע'חלומ'ט קיינמאל אז דא וועט אויסקומען צו טון פאר'ן ציבור, איבערהויפט האט מען אפילו נישט געקלערט אז די רואיגע בלומינגראוו איז אן ארט וואו מען קען עוסק זיין אין עסקנות... דאס גאנצע מהות פון דעם פלאץ, דער ציבור דאהי, די אטמאספערע פון דעם געגנט, האט נישט אויסגעקוקט געאייגנט פאר אזעלכע סארט פעולות.

אבער פון הימל האט מען ב"ה אנדערש געפירט.

מ'האט זיך געטראפן אין א מציאות וואס ס'איז געווען קלאר אז יעצט דארף מען מקיים זיין דעם "במקום שאין איש השתדל להיות איש", און בסייעתא דשמיא האט מען זיך געמוזט ארויפשארצן די ערמל פאר'ן הוה און פאר'ן עתיד פון אונזער שטאט, און די עזר ממעל וואס האט באגלייט די הייליגע ארבעט איז דוכט זיך איבעריג צו שילדערן, ווען השי"ת האט אונז מזכה געווען מיט דעם "נוצר תאנה יאכל פריה" אויף אזא הערליכן פארנעם, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

יענעם ליל **ששי פרשת דברים תשע"ט**, איז פאררופן געווארן די סאמע ערשטע גרויסארטיגע מיטינג צווישן אלע עסקנים פון דער שטאט, ווען מען איז זיך צונויף געקומען כאיש אחד בלב אחד, **אלע אינגעלייט וואס האבן שוין געטון פאר די שטאט מיום היווסדה, און מען האט געהאפט אז מען ארויסקומען מיט שטאנדהאפטיגע פלענער פאר א גליקליכן עתיד.**

מערקווערדיג אז ס'איז דעמאלט געווען דאס ערשטע מאל וואס מיר האבן זיך באגעגנט מיט ידידי הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו. כ'האב דעם איד נישט געקענט בעפאר און נישט גערעדט מיט אים בעפאר, אבער מיר האבן אלע גוט פארשטאנען און געוואוסט אז אויב מיר ווילן דא האבן הצלחה, סייעתא דשמיא און השראת השכינה, איז אונזער שליסל א געמיינזאמע צוזאמענארבעט, אן אמת'ע ברודערליכע אחדות און שלום, פון יעדן איינעם צוגלייך.

כ'דערמאן זיך אז בשעתו, איידער כ'בין אריינגעגאנגען צו דעם מיטינג, **האבן מיר געטראפן ר' יצחק אינדרויסן צום ערשטן מאל. מיר האבן זיך פריינטליך באגריסט און כ'האב אים דעמאלט מיטגעטיילט מיין הרגשה, איידער מיר גייען אריין צו דעם אסיפה, אז איך פערזענליך, געב עס א קנאפע 25 פראצענט שאנס אז מען זאל ארויסגיין מיט עפעס זאכליך פון דעם אווענט. אבער טאקע 25 פראצענט שאנס און קיין איין פראצענט נישט מער פון דעם...**

כ'האב אים נאך צוגעלייגט אז, **לויט מיין ידיעה מיט דעם**

**מענטאליטעט פון בלומינגראוו, דאן וועט אפילו פון די 25 פראצענט וואס וועט מעגליך יא בלייבן פון דעם מיטינג, אויך נישט בלייבן צופיל.** מיר זענען דעמאלט געשטאנען פרשת דברים, "ביז אסרו חג סוכות וועט שוין נישט זיין קיין שריד ופליט פון אלעם וואס מען האט דא גערעדט"... עס וועט זיין אלעם מפטירין כדאתמול.

"פארוואס זענען מיר אבער פארט אהערגעקומען" – האב איך אים ערקלערט – "פשוט דערפאר, אז כ'זאל קענען זאגן, אינאיינעם מיט די אנדערע טייערע אידן דא, אז "ידינו לא שפכו את הדם הזה", כ'זאל וויסן ביי מיר אז "אני את נפשי הצלתי", כ'האב געטון, כ'האב געמאכט מיין השתדלות, אפילו ס'האט געהאט שוואכע אויסזוכטן האט מען געטון וואס מען דארף טון"...

עטוואס מער פון א יאר איז פאראיבער פון יענעם געשפרעך, און דא בין איך צוריק, בבושת פנים און איך זאג אייך מיינע טייערע ידידים, שכינים, ברודער און גוטע פריינד: **טעיתי! איך דארף אייך איבערבעטן ווייל כ'האב אייך זייער אונטערגעשאצט! אצינד איז מיין צייט צו בעטן מחילה, איבערצובעטן און זאגן אנטשולדיגט אויף דעם וואס כ'האב זיך גענארט אין אייך...**

★ ★ ★

## ועשית ככל אשר יורוך; די עיני העדה בראש המפעל

**פ**ון די שענסטע און הערליכסטע איבערראשונגען וואס איך פערזענליך האב געהאט באלד ווען מ'האט זיך אריינגעלייגט אין דער טעמע, איז געווען דאס מיטהאלטן פון דער נאנט, דעם הייליגן כח התורה וואס באגלייט אונזער שטאט, ווען פון די ערשטע מינוט איז געקומען צום אויבערפלאך די ערנסטע, רוחניות'דיגע און רבני'שע הנהגת העיר, דורך די חשוב'ע רבנים, וואס האבן אנגענומען די זאך דא מיט'ן פולסטן אחריות.

דאס האט זיך דערקענט שוין באלד ביי דער ערשטער אסיפת הרבנים ווען אלע רבני העיר זענען געזיצן אינאיינעם און דן געווען בכובד ראש לענגערע שעות את המעשה אשר יעשון, פארשטענדליך אז ס'איז פארהאן ע' פנים לתורה אבער דאס איז געווען קלאר ביי יעדן, אז לטובת כולנו, פאר די תועלת פונעם ציבור און פאר די תועלת פון יעדן יחיד, דארף מען זיך דא צאמנעמען און ארויסקומען פאראייניגט למען שלום העיר, למען עתיד העיר, ולמען הרחבת גבולי הקדושה.

מען איז געשטאנען און געשטוינט וויאזוי ס'איז ב"ה פארהאן אזא אויסטערלישע רבני'שע און רוחניות'דיגע אחריות און אויטאריטעט, אויף א פארנעם וואס מען איז נישט געוואוינט אפילו אין די גרויסע אידישע שטעט און געגנטער, אז אזויפיל היימישע רבנים, פון אלע קהלות, זאלן זיך פאראייניגן און ארויסקומען מיט א החלטה כולם פה אחד צו מחזק זיין די ניי – געגרונדעטע "יו. דזשעי. סי." פאראיין.

ועל כולם האבן מיר פון די ערשטע מינוט געהאט די גרויסע זכי' אז דער **איש על העדה, נשיא אלקים בתוכינו, כ"ק מרן אדמו"ר מזמיגראד שליט"א, וועלכער איז עינו ולבו כל הימים פאר די הצלחה פון אונזער שטאט**, האט זיך ממש אריינגעלייגט בכל לבו ונפשו צו באגלייטן די געטרייע עסקנים, בעצה ותושי', בהדרכה ובברכה, דורכאויס די גאנצע צייט זינט דעם אנהויב ביז'ן היינטיגן טאג, על כל פרט צעד ושעל.

אט דער כח התורה און די פאראייניגטע הנהגת העיר האט נאכגעפאלגט ביי דער אסיפת הרבנים וואס איז פארגעקומען דעם פארלאפענעם ערב שבת חנוכה, וואו ס'איז נאכאמאל געקומען צום אויבערפלאך וויאזוי די רבנים שליט"א באהאנדלען די טעמע מיט'ן גרעסטן אחריות און כובד ראש, ווען יעדע שאלה און יעדע דעטאל איז אויסגעשמועסט געווארן מיט אן ערנסטקייט און מיט דעם זעלבן ציל, צו וויסן את הדרך ישכון אור למען טובת תושבי העיר, על פי דרך התורה והמסורה.

דאס האט ווירקליך פארגעזעצט דורכאויס די גאנצע תקופה ווען מען האט זיך נישט גערירט אן דעם דעת תורה הברורה פון די גדולי הרבנים שליט"א, והיינו דאהני' לן אז מען האט ב"ה דערגרייכט עד הלום, מיט אזא געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא.

★ ★ ★

## ותשועה ברוב יועץ – ברודערלעך אינאיינעם!

**א**ויף די הוראה פון די רבנים שליט"א איז דעמאלט נתייסד געווארן דער פאראיין פון "יו. דזשעי. סי." וואס פארמירט א געמיש פון אלע סארט עסקנים, וועלכע טוען געטריי רעפרעזענטירן "אלע" בתי מדרשים פון "אלע" געגנטער דא אין שטאט.

אויך אצינד האט זיך ארויסגעשטעלט דאס שיינקייט פון בלומינגראוו, ווען ווי פארשטענדליך איז דאך דער כלל אז **"כשם שאין פרצופיהם שוות כך אין דעותיהם שוות" אבער טאקע דערפאר האט יעדער פארשטאנען אז עס פאדערט זיך א געמיינזאמע צוזאמענארבעט דורך אלעמען אן קיין אויסנאם.** ביי יעדע טעמע האט מען זיך באזונדער דורכגערעדט, אויסגעהערט, דעבאטירט און זיך אפילו אויסגע'טענה'ט, אבער אלעס מיט א רעספעקט און מיט א פאראייניגטע וויזיע, צו העלפן דעם בליה און וואוילזיין פון יעדן איינוואוינער.

דאס האט זיך אויך אפגעשפילט לאו דוקא צווישן די אפיציעלע פארטרעטער פון די בתי מדרשים אינערהאלב "יו. דזשעי.סי." נאר אויך ביים ברייטן ציבור, אידן תושבי העיר, וועלכע זענען כסדר צוגעקומען צו די חברי וועד הפועל מיט געדאנקן, הצעות און פארשלאגן, איבער אלע ערליי טעמעס, און מען האט יעדן איינעם גענומען אין באטראכט מיט'ן גאנצן ערנסטקייט, ווייל מען האט געוואוסט אז מיר מוזן זיין פאראייניגט און ארבעטן צוזאמען צו צופרידנשטעלן אלע מיינונג'ס פארשידנהייטן און טרעפן דעם גאלדענעם שביל הזהב צו אלעמענס סאטיספיקאציע.

**אייגנטליך איז טאקע דאס פון די הערליכסטע פענאמאנען אין בלומינגראוו וויאזוי אזא קאלירפולער ציבור, פון 3 באזונדערע געגנטער, פון אזויפיל קהלות און קרייזן, ווען יעדער איינער האט דאך זיין אייגנארטיגע שניט און פערזענליכע שטריכן, דאך האט מען זיך געקענט צונויף קומען מיט אזא געוואלדיגע צוזאמענארבעט, אן קיין פירוד לבבות, אן קיין מחלוקת ח"ו, נאר אדרבה יעדער שפירט אז ס'איז זיינס א פערזענליכע זאך.**

**אדרבה! מען טוט מוטיגן די גאנצע צייט אַן "אפענע דעבאטע פלאטפארם", אז יעדער איינוואוינער אין דער שטאט, וואס האט א מיינונג, א דעה, א הצעה, זאל שטענדיג שפירן העכסט באקוועם און נאטורליך זיך צו לאזן הערן. די שלוחי הציבור פונעם "באורד" ווארטן אייגנטליך אויף יעדנ'ס חוות דעת, מען קוקט ארויס זיך צו אויסשמועסן אינאיינעם, דעבאטירן און דורכרעדן יעדע נושא, און טאקע זעהן וויאזוי ס'קען ארבעטן אויפ'ן בעסטן פארנעם.**

**ותשועה ברוב יועץ! יעדער איז גלייך און יושר'דיג רעפּרעזענטירט, יעדנ'ס מיינונג איז דאס זעלבע וואגיג. ווי מ'רופט עס אויף ענגליש "די פּאוער טו די פּיפּעל"... ווען "יעדער" תושב האט א מיינונג אין די פירערשאפט אין אונזער שטאט. ס'איז דער "כח היחיד" פון יעדן איינציגן איינוואוינער וואס האט פארמירט דעם "כח הרבים", מיט אזא כבוד שמים לשם ולתפארת!**

★ ★ ★

## יְרוּשָׁלַםִ הַבְּנוּיָה כְּעִיר שֶׁחֻבְּרָה לָּהּ יַחְדָּו

אט דער אחדות און ברודערליכע צוזאמארבעט וואס האט דא געהערשט דורכאויס די גאנצע צייט האט אזוי הערליך אפּגעשפּיגלט דאס וואס מיר ווייסן פון אלע ספה"ק אז אין א מקום וואו ס'איז פארהאן שלום, דארט איז אויך פארהאן השראת השכינה.

דער הייליגער מהר"ל שרייבט אין ספר נצח ישראל פ"ג, אויפ'ן פסוק ירושלים הבנויה ווען איז השי"ת אין ירושלים ? אין דער צייט וואס ס'איז כעיר שחוברה לה יחדיו, ווען אלע אידן זענען צוזאמען. דאס זעלבע טייטשט ער דעם פסוק: ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם, די מלוכה פון השי"ת אויף אידישע קינדער קען נאר צושטאנד קומען ווען ס'איז, יחד שבטי ישראל!

**מיט אזא אחדות, מיט אזא שלום, מיט אזא געמיינזאמע שותפות אלע אינאיינעם, איז דאך אודאי געווען די גרויסע השראת השכינה בקרבינו. איז דען א וואונדער אז מען האט טאקע געזען אזא געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא למעלה מן המשוער ?**

אין די לעצטע לאנגע חדשים האט מען זיך געטראפן צענדליגער מאל מיט ביטערע גרויסע שוועריגקייטן, שווערע קאמפליקאציעס און שטרויכלונגען הונטער די קוליסן, ווען אלע געטרייע עסקנים האבן געהאט אין געדאנק: "אפשר איז געקומען די צייט זיך צו ארויסלאזן פון דעם געשעפט ? אפשר זאל מען שוין אויפגעבן אויף דעם גרויסן וויזיע ?", אבער טאקע דאן, האט מען יעדעס מאל באזונדער געזען די אפענע סייעתא דשמיא וואס האט באגלייט, מען האט געשפּירט בחוש וויאזוי פון הימל איז דא א באזונדערע השגחה עליונה, אדאנק די השראת השכינה להנחינו ולהדריכנו אויף יעדן טריט און שריט.

אין א פערזענליכן פארנעם קען איך מעיד זיין אז אין לויף פון די צייט וואס כ'האב ב"ה מקריב געווען לטובת הענין אזויפיל הונדערטער שעות, טעג וואכן און חדשים. טייערע צייט וואס איז אוועקגענומען געווארן פון די ארבעט שעות, און אסאך קאפּ און מח וואס וואלט געקענט גענוצט ווערן פאר דיעלס און פרנסה, **אבער מען האט ממש געזען בחוש אז די הייליגע ארבעט לטובת הציבור איז נישט קיין דבר האבד! ואין אדם שומע לי ומפסיד, אז מען טוט פאר אידישע קינדער מיט אזא שלום ואחדות דאן איז מען פשוט פארזיכערט מיט די ברכה פון השי"ת, צו געבענטשט ווערן מיט א שפע און א הצלחה ב"ה, כה יתן ה' וכה יוסיף.**

★ ★ ★

## מים רבים לא יכלו לכבות את האהבה

מיט א בליק אויף צוריק, ווען מען האט אנגעהויבן מיט די שתדלנות למען הכלל דעם פארלאפענעם ווינטער, און מען האט געקוקט אויף די טרוקענע ציפערן, האט די לאגע אינגאנצן נישט אויסגעקוקט אזוי שיינענדיג בדרך הטבע. עס איז געשטאנען פאר אונז א ביטער שווערע פארמעסט מיט נישט אזעלכע פליענדע רעזולטאטן.

אבער איין זאך האט מען יא באלד געזען - וואס האט אריינגעבלאזן מוט און שטארקייט אז מיר וועלן עסבעז"ה דורכמאכן – נעמליך, דאס געפיל און אחריות פון תושבי בלומינגראוו איינער פארן צווייטן! מען האט תיכף זיך איבערצייגט אז "בלומינגראוו איז עפּעס אנדערש", דא האבן זיך אהערגעצויגן אידן מיט א ווארעם אידיש הארץ און דא איז מען גרייט צו טון בפועל, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק.

שוין אין אנהויב, ווען מען האט פּראקלאמירט דעם **"רעגיסטראציע דרייוו", מיט די דריי באזונדערע רעגיסטראציע דרייוו'ס, איז עס געווען בלומינגראווער אידן וועלכע זענען אקעגן געקומען מיט אזא תשואת חן, דער ציבור האט זיך אנגעשלאסן מיט א פאראייניגטע געפיל איינער פארן אנדערן.**

אט דאס האט ממשיך געווען דורכאויס די גאנצע צייט, ווען ס'איז געקומען צום אויבערפלאך איינמאל און נאכאמאל אז אלע זענען מיר גוטע ברודער, הארציגע שכינים וידידים, וואס "טרם יקראו והם נענים", אויך ווען עס האט זיך געקענט דוכטן, אז מיר, פון אונזער זייט, האבן שוין עטוואס צופיל באלמוטשעט, האט מען אבער געזען די פאזיטיווע רעאקציע, כמים פנים אל פנים, ווי שיין אלע תושבים האבן זיך צוגעשטעלט. יעדעס מאל וואס מען האט זיך גענויטיגט אין דער קאאפּעראציע און פארשטענדעניש פון די תושבים האט מען צוריק באקומען אן אפּרוף מלא אחדות, מלא געפיל און הארץ, און מלא אהבת ישראל. אשרי העם שככה לו.

מיט אזא אחדות, מיט אזא שלום, מיט אזא געמיינזאמע שותפות אלע אינאיינעם, איז דאך אודאי געווען די גרויסע השראת השכינה בקרבינו. איז דען א וואונדער אז מען האט טאקע געזען אזא געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא למעלה מן המשוער ?

**און אויב איז דאס אלעס גילטיג אין "פרידנס צייטן" איז דאס אבער פילפאכיג שטארקער ארויסגעקומען אין אירע הערליכסטע קאלירן ווען מיר זענען אנומלט אריבער די שווערע "קאראנא" עפּאכע, וואס האט ארויסגעברענגט פון אונזער שטאט דאס שענסטע וואס זי פארמאגט.**

ווער ס'איז נישטא געווען, ווער ס'האט עס נישט מיטגעהאלטן, וועט עס קיינמאל נישט פארשטיין, וויאזוי בלומינגראוו איז פאקטיש פארוואנדלט געווארן אלס "דאס שפּיגעלע" פון דאס יהדות החרדית, אלס א מוסטער, אלס א דוגמא וואס די גאנצע וועלט האט באטראכט, וואס מיינט אמת'ע אידישע ברודערליכקייט, וויאזוי מען העלפט זיך ארויס

פשוט און פּראסט, שלא על מנת לקבל פרס, נאר ווייל מיר זענען אלע אידישע קינדער אין דעם זעלבן מצב.

עס דערמאנט זיך צוריק דעם אומפארגעסליכן **"קמחא דפסחא",** **אין די אנגעשטרענגטע ערבי פסחים.**

געווען איז דאס די שווערסטע תקופה פונעם יאר, ווען די בתי מדרשים זענען ליידער געווען פארשלאסן, די קינדער זענען אלע געווען אינדערהיים שוין לאנגע וואכן, די געשעפטן פארמאכט, און

יעדער האט זיך ארומגעדרייט צעטומלט, צעשאסן און צעמישט.

מיר, די עסקנים פון יו. דזשעי. סי., זענען געשטאנען אין דעם טאג ווען מען האט געדארפט פארטיילן די הונדערטער פראדוקטן פון דעם **"קמחא דפסחא"**, מען האט זיך דערזען אז דא דארף מען האבן אן ערנסטע מענטשן קראפט צו ארויסהעלפן מיט די חלוקה, צו סארטירן די באקסעס און פארטיילן מיט א סדר.

מען האט זיך אנגעהויבן זארגן אויב עס וועט חלילה צעפאלן די גאנצע זאך און מען וועט דארפן אלעס צוריקשיקן. האב איך דעמאלט געמאכט **2 טעלעפאן רופן צו אידן דא, אז מען זאל פארשפרייטן דעם מעסעדזש, ווער עס איז ווילּיג צו קומען ארויסהעלפן מיט דעם פארטיילונג.**

וואס זאל איך אייך זאגן? עס האט נישט געדויערט קיין צען מינוט און פלוצים זענען אנגעקומען א פלאטע פון דרייסיג אומגערופענע עסקנים, טייערע אידן, טאטעס פון קינדער וואס האבן איבערגעלאזט זייערע שטובער, **אן דעם וואס מען זאל זיין "סקעדזשועלן" בעפאר...** מען האט פשוט ארויסגעלאזט א מעסעדזש "מען דארף האבן הילף צו טיילן עסן פאר אידן" און עס איז ארגאניזירט געווארן אן מייסטערהאפטיגע "קמחא דפסחא" וואס האט נישט פארשעמט די שענסטע חלוקות וואס איז נאר אמאל פארגעקומען ביים היימישן ציבור.

לאמיר טאקע דערמאנען אויך **די "חלוקה" פעקלעך** פון די מוסדות התורה אין קרית יואל, וואס איז אהער דעליווערט געווארן טאג טעגליך מיט א הארציגע געטריישאפט וואס לאזט זיך נישט שילדערן.

דאס מציאות איז אז **"אין אלע אידישע געגנטער" איבער גרעיטאר ניו יארק, אין וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל און די אלע אנדערע גלילות ארום קרית יואל, זענען אידן געשטאנען לאנגע שעות אין די ליניעס צו באקומען די פעקלעך פון די מוסדות. איבעראל האט מען אבער געוואוסט צו זאגן מיט אפענע קנאה: "כאפט א בליק אויף בלומינגראוו! ווען וועלן מיר שוין זיין ווי בלומינגראוו ?"**. אידן האבן באוואונדערט די שטאט פון עסקנים, ווו הארציגע אינגעלייט וואס האבן זיך ארויפגעשארצט די ערמל שוין פון די פריע פארטאג'ס שעה'ן, אנגעפולט די קארס מיט די פעקלעך ביי די מוסדות, ביז אין די שפעטע אווענט שעות ווען די פעקלעך זענען געענצליך פארטיילט געווארן. מען האט זיך ערלעדיגט טראקס איינער פונעם צווייטן, קארס איינער פאר'ן צווייטן, מען האט זיך געברענגט, געטראגן און געשלעפט, אלעם מיט אזא ברידערליכקייט און מיט אזא ווארימקייט.

די זעלבע אטמאספערע פון אחריות און צוזאמענארבעט האט זיך אגעשפילט ביי די "רעגיסטראציע" **קאמפיין פאר טראנספארטאציע** און ביי אלע אנדערע טעמעס ווען די עסקנים האבן געבעטן די קאאפעראציע פון די תושבים פאר די טובה און בענעפיט פון אונז אלעמען, אשרינו מה טוב חלקינו!

★ ★ ★

## הושענא נפש רוח ונשמה!

אין די קומענדיגע דערהויבענע טעג פון יום טוב סוכות, ווען מיר וועלן שטיין אין בית המדרש מיט די הייליגע ד' מינים, וועלן מיר בעטן "הושענא נפש רוח ונשמה הושענא". דוכט זיך אז אט די עטליכע ווערטער זענען דאס יאר נאכמער אקטועל ווי שטענדיג, איבערהויפט אין אונזער עיר ואם בישראל בלומינגראוו רבתי, וואס האט מיטגעלעבט באשיינפערליך דעם אפטייטש פון די הייליגע ווערטער.

לאמיר אייך, טייערע ברודער, אויסזאגן דעם סוד קלאר און דייטליך: על פי דרך הטבע האבן מיר נישט געדארפט צו געווינען די וואלן. **ס'איז נישט געווען ערווארטעט לויט דעם לאגישן חשבון אז מיר זאלן געווינען די עלעקשענס. וואס עס האט אבער געברענגט דעם דראמאטישן אויסגאנג איז געווען הימלישע סייעתא דשמיא און אויך דער "הושענא נפש רוח ונשמה"** פון די געטרייע עסקנים, תושבי העיר, וועלכע האבן ערמעגליכט דאס אומגלויבליכע מיט זייער ענדלאזע געטריישאפט וואס האט זיך אויסגעצאלט ביי דעם שטום בודקע.

ס'איז נישט שייך אראפצולייגן מיט ווערטער מיינע געפילן ווען מען קלערט צוריק, וויאזוי עס האט אויסגעקוקט די לעצטע קריטישע טעג פונעם וואל- פארמעסט. וויפיל עסקנות, וויפיל הילף, וויפיל אקטיווע ארבעט, עס האט זיך דא אויסגעפעלט אז די זאך זאל קענען צושטאנד קומען. און ברוך ה' אז בלומינגראווער אידן האבן ווידעראמאל נישט אנטוישט די ערווארטונגען!

שוין עטליכע וואכן בעפאר דעם אפיציעלן וואל - טאג, האט זיך אנגעהויבן די אקטיווע ארבעט, אויף א שטילן באשיידענעם פארנעם, אן מוטשן דעם ציבור, אן קיין הויכע גערודער און אן קיין ווילדע שריט. מיט די גרעסטע צוגעלאזנקייט און מיט ישוב הדעת, איז מען צוגעגאנגען צו דעם "עבסענטי בעלאט" פראצעדור, עס האבן זיך צוגעשטעלט עסקנים פון יעדע גאס, וואס זענען אונז פשוט אקעגנגעקומען און ב"ה ארייגברענגט הונדערטער בעלאטס.

די געוועזענע ווילעדזש אדמיניסטראציע, אינאיינעם מיט די טאון באאמטע, האט אבער נישט גערועט און פרובירט אויף אלע פראנטן צו אפהאלטן און שטערן, אז מיר זאלן נישט קענען אריינגעבן די אפליקאציעס אין צייט, און נישט האבן די ריכטיגע ענוועלאפס וואס מען דארף צו ארייגשיקן אויפ'ן וואַל טאג.

**פאקטיש האבן מיר באקומען די ענדגילטיגע ענוועלאפ'ס, וואס האט נאך געדארפט אויסגעפולט ווערן ביי 500 אדרעסן, ווינציגער ווי 24 שעה איידער די וואלן!**

ווען מיר האבן באקומען די ענוועלאפס איז געווען מאנטאג 6 אזייגער נאכמיטאג, א נאכט בעפאר די וואלן. זענען זיך צוזאמגעקומען א גרופע עסקנים אין די יו. דזשעי. סי. הויפטקווארטירן, און אלע האבן אויסגעשריגן פה אחד: **"מיר לייגן מיר זיך נישט שלאפן היינט נאכט איידער די זאך איז פולקאם מסודר"**.

וכן הוה, ס'איז געווען 9:00 אזייגער ביינאכט נאך מעריב, און עס האבן זיך ארויסגעלאזט א פלאטע פון אריבער דרייסיג עסקנים! איבער די גאסן פון בלומינגראוו במשך שעות ארוכות. דאס איז שוין געווען אין די ימי הסליחות, ווען מען שטייט אויף פארטאגס זאגן סליחות, און יעדער איינער וויל זיין אין א געהעריגן סקעדזשועל מיט א נארמאלן סדר היום, אבער די טייערע אינגעלייט האבן פארקוקט אויף אלעם, מען האט גענומען די ענוועלאפס און מען האט זיך ארויסגעלאזט קלאפן טירן און "דעקן" אדרעסען למען טובת העיר!

★ ★ ★

## מדלג על ההרים ומקפץ על הגבעות

ס'לאזט זיך נישט גלייבן וויפיל ארבעט און וויפיל הארץ, נשמה און געפיל ס'איז אריינגעגאנגען, שוין אפגערעדט פון די 2-3 וואכן בעפאר פון קלייבן די אפליקאציעס, אבער על אחת כמה וכמה יענע נאכט, ווען האט זיך ארויסגעוויזן באשיינפערליך דאס הערליכקייט פון דעם דיאמאנט וואס רופט זיך בלומינגראוו. **די אידן זענען ארומגאנגען ביז אין 12:00 1:00 אזייגער ביינאכט, זייענדיג**

**מקפיץ על הפתחים ומקפיץ על הגבעות, ארומצוגיין און אפנעמען די חתימות גרינגער צו מאכן דעם עולם אויפ'ן עלעקשן טאג.**

און אויב האבן מיר געמיינט אז דאס איז עס, און דאס איז די שענסטע וואס בלומינגראוו האט ארויסגעברענגט, זענען מיר אלע געווארן נאך מער איבערראשט און ערשטוינט א טאג דערנאך.

**געווען איז דאס א דינסטאג סליחות, צוויי טעג צום יום טוב ראש השנה. אבער יונגעלייט, בעלי בתים, וואס האבן אייגענע ביזנעסער, אדער וואס ארבעטן ביי זייערע קביעות'דיגע פרנסות, האבן אלע פארשטאנען דאס נחיצות השעה, צו ארויסקומען שטימען, טראץ אלע אומאנגענעמליכקייטן.**

אידן זענען געקומען פון דער ארבעט היפש פריער מיט עטליכע שעה, אזוי אויך פאמיליעס וואס האבן דא זייער דירה, און זענען נישט געווען דאהי זענען ספעציעל ארויסגעקומען אינאיינעם מיט די בני בית און די עלטערע קינדער וואס קענען שוין שטימען. מען האט זיך אריינגעזעצט אין דער קאר אין ערב יום טוב, און פארשוועדעט די דריי שעה פאר די וועגן. און דערנאך צוויי און א האלב שעה וואס האט גענומען צו שטיין אין די ליניע!

מיט א געדולד, מיט א פארשטענדעניש, מיט הארץ, מיט נשמה, און מיט געפיל, זענען אידן געשטאנען און געווארט, אין אזא פארנומענע ערב ימים נוראים, ווייל מען האט איין זאך פאר די אויגן, מען האט געוואוסט אז ס'איז א גאר העפטיגע ביזנעס סעזאן, מען האט געוואוסט אז מען דארף מארגן אויפשטיין צו סליחות, מ'האט געוואוסט אז דאס איז א פיזור הנפש, אבער מען האט גלייכצייטיג אויך געוואוסט אז: "מען דארף העלפן ראטעווען די אידישע שטאט". דאס איז וואס איז פאר זיי געשטאנען אין די אויגן. "דא זענען דא אידן וואס זענען אנגעוויזן אז די שטאט זאל בלייבן אידיש, דאס זאל בלייבן א שטאט וואו ס'קען זיין הרחבת גבולי הקדושה, עס זאל בלייבן אן עתיד, ס'זאל בלייבן א קיום".

"כ'ווים נישט צי מיר גייען טאקע געווינען, אבער פאר די מחזה אליינס, צו זעהן מיט די אויגן וויאזוי עס שטייען אידן מיט הארץ, נשמה און געפיל און אחריות, איינער פאר'ן צווייטן, שעות ארוכות. אט פאר דעם אליינס, פאר דעם קידוש ה', פאר דעם אהבת ישראל, וואס מיר זעהן דא, האט זיך שוין אלעם געלוינט!

★ ★ ★

**לאמיר אייך מיטטיילן א פערזענליכע אבזערוואציע פון יענעם אנגעצויגענעם טאג.**

יענעם דינסטאג נאכט, 9 אזייגער ווען עס האבן זיך געשלענגלט די לאנג פארצויגענע ליניעס בין איך, אינאיינעם מיט הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו, אראפגעקומען צום וואלן הויפקווארטיר, כדי צו אריינגעבן אלע עבסענטי בעלאטס.

מיר האבן אודאי געהאפט אויפ'ן בעסטן אבער קיינער האט נאך דעמאלט נישט געקענט פאראויסזאגן וואס וועט זיין די ענדע פון דער נאכט. אבער אנקומענדיג אויפ'ן ארט האבן מיר געזען די הארציגע סצענע וואו עס שטייען ליניעס פון הונדערטער אידן, וואס האבן דארט געווארט לאנגע שעות ביז נאך חצות הלילה. מענער, פרויען און קליינע קינדער אנשים נשים וטף.

ס'איז זאגאר געווען נשים צדקניות פון דער שטאט וואס האבן נישט געקענט האבן קיין בעיביסיטער אין די שפעטע נאכט שעה'ן, האבן זיי מיטגעשלעפט די קינדער מיט די קערידזשעס, זענען זיי געשטאנען שעות ארוכות און געווארט אין די ליין מיט די קינדער! אפצוגעבן א שטימע צו ראטעווען דעם עתיד פון די שטאט.

האבן מיר דעמאלט געשמועסט מיט ר' יצחק: **"כ'ווים נישט צי מיר גייען טאקע געווינען, אבער פאר די מחזה אליינס, צו זעהן מיט די אויגן וויאזוי עס שטייען אידן מיט הארץ, נשמה און געפיל און אחריות, איינער פאר'ן צווייטן, שעות ארוכות. אט פאר דעם אליינס, פאר דעם קידוש ה', פאר דעם אהבת ישראל, וואס מיר זעהן דא, האט זיך שוין אלעם געלוינט!** אז מען וועט געווינען די וואלן איז דאך הנה מה טוב ומה נעים, אבער אפילו אויב מען וועט חלילה נישט געווינען, פאר דעם סצענע און פאר דעם קידוש השם וואס האט אפגעהילכט קבל תבל ומלואה האט זיך געלוינט די גאנצע מעשה! הושענה נפש רוח ונשמה הושענא!".

★ ★ ★

## וירד משה מן ההר אל העם

אבאזונדערע מחזה מרהיב כל עין איז געווען צו זעהן די נאבעלע און זעלטענע סצענע, וויאזוי חשוב'ע אידן, זענען געקומען פערזענליך זיך באטייליגן צו אפגעבן זייער שטימע אין דעם וואלן-טאג.

**פאר עטליכע חשוב'ע ת"ח האבן מען פארגעשלאגן זיי צו גרינגער מאכן און געבן אן "עבסענטי בעלאט אפליקאציעס" אז זיי זאלן נישט דארפן אראפקומען פערזענליך, אבער האבן געזאגט: "ניין, מיר ווילן גיין אינאיינעם מיט'ן ציבור"...! וירד משה מן ההר אל העם.**

די חשוב'ע רבנים פון בתי מדרשים, זענען געשטאנען אינאיינעם מיט'ן ציבור און געווארט. ניטאמאל האבן זיי זיך געשטעלט פארנט פון דער ליניע, נאר זיי זענען געשטאנען שעות ארוכות און געווארט מיט'ן עולם, בתוך עמי אני יושבת, מיטגעפילט און מיטגעליטן און סובל געווען אלעם אינאיינעם, צו זיין צווישן דעם פאלק, מחזק זיין און צייגן זייער געפיל מיט'ן ציבור.

**און יא, בלומינגראוו איז שטאלץ צו האבן אזעלכע אזעלכע געטרייע עומדים בראש עדת ה', וועלכע זענען דא מיט מיטגעפיל און מיטארבעטן לטובת הציבור. בלומינגראוו איז גליקליך צו האבן אזא כח התורה מיט א כבוד שמים!**

★ ★ ★

## סוף מעשה במחשבה תחילה

ווירקליך קען מען זאגן "אשרינו תושבי בלומינגראוו המעטירה", נאכ'ן ענדיגן אזא הערליכער רואיגער קאמפיין, און נאכ'ן אריבערגיין אזויפיל "טשעלענדזשעס" און פראיעקטן, צווישן זיי די "רעגיסטראציע דרייוו", די "סקול באסעס טראנספארטאציע" טעמע, די "דעי קעמפ", און אלעם אנדערש , וואס איז געווארן געפירט מיט א געוואלדיגע באזעסנקייט, מיט א געוואלדיגע ערנסטקייט, מיט א

געוואלדיגע ישרות, ארענטליכקייט, מיט א ישוב הדעת און מיט א שכל הישר.

ווי עס גייט דאס אלטע אידישע לאזונג **"צוויי מאל מעסטן איינמאל שניידן"**, האט מען זיך אויף יעדע דבר קטן ודבר גדול איבערגערעדט בכובד ראש, מיט היימישע לאנגיעריגע עסקנים פון איבער גרעיטער ניו יארק, ובתוכם **הרה"ח רבי משה דוד נידערמאן שליט"א** וואס איז געשטאנען כסדר געטריי מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט, נימוס און געדולד, סיי ווען די רבנים האבן אים געדארפט אנפרעגן, און סיי פאר יעדע קלייניגקייט ווען מען האט זיך געניטיגט אין פראקטישע באגלייטונג, עצה ותושי', ישלם ה' פעלו.

**אונזערע עסקנים האבן ב"ה דעם שטאלץ צו קענען זאגן אז "מיר ווייסן נישט". מיר זענען זייער באקוועם צו זאגן, מיר קענען נישט אליין, מיר ווייסן נישט אליין, מיר קענען נוצן הילף פון מער ערוואקסענע און עלטערע פון אונז.**

**און אט דערפאר האט מען שטענדיג טאקע געפרעגט הדרכה און יעוץ פון כלל – טוער וואס וואס האבן שוין יא עקספערטיז אין דעם פעלד, און וועלכע זענען זיי געווען איבערראשט אז ס'קענען קומען עסקנים און פשוט זאגן "איני יודע", און דאס איז טאקע דער סוד וויאזוי ס'איז געווארן געפירט דער הערליכער קאמפיין "מיט מח און נישט מיט כח"...**

והיינו דאהני' לן אז דער גאנצער וואַלן סעזאן איז ב"ה אריבער הונדערט פראצענט לעגאל, אן קיין מאכענאציעס און אן קיין שטיקלעך, אלעס איז געווען אויסגעהאלטן על פי חוקי המדינה און דינא דמלכותא דינא. ווי מען האט עס געהערט פון חשוב'ע אידן אז דאס זעלבסט, אז מען איז געגאנגען מיט'ן גראדן וועג אויפ'ן דרך המלך, דאס האט זיכער צוגעהאלפן צו די געוואלדיגע עזר ממעל, לחיותינו כיום הזה.

★ ★ ★

## ועתה תנו תודה (עזרא י' י"א)

שטייענדיג ביי אזא מאמענט, איז די צייט צו אויסדרוקן דעם דאנק פאר אחי ורעי, אלע איבערגעגעבענע שלוחי הציבור, די באורד מעמבער'ס איגערהאלב די "יו. דזשעי. סי.", וואס האבן אזוי נאבל צוזאמגעארבעט מיט א קעגנזייטיגע רעספעקט און אחדות. אָן זייער געטרייע מיטארבעט וואלט מען קיינמאל נישט געקענט שטיין וואו מען געפינט זיך ב"ה היינט צוטאגס.

דורכאויס דאס יאר איז אויסגעקומען צו האבן **גאר פארצווייגטע, לאנגע און היציגע מיטינגען**, און ב"ה אזוי ווי א דיאמאנט וואס קומט ארויס צו די תכלית ווען ס'שפיגלט און גלאנצט, בלויז נאכדעם וואס מען האט דאס אסאך אויסגעריבן און עס אויסגעשארפט, גענוי דאס זעלבע האט זיך אפגעשפילט ביי די זיצונגען, ווען **יעדער מיט זיין מיינונג און געדאנקן גאנג, האט געברענגט זיינע רעיונות צום טיש, מען האט זיך אויסגעהערט, מען האט זיך איבערגעשמועסט, און ענדגילטיג איז מען געקומען צו א צד השוה, צו קענען ארויסברענגען דאס בעסטע דבר נאה ומתקבל.**

ספעציעל דארף מען ארויסברענגען א שלמי תודה פאר **הרבני החסיד מוה"ר אברהם משה הכהן ווייס שליט"א, וואס מיר אלע יונגעלייט, האבן אסאך נהנה געווען פון אזא מיושב'דיגן איד,** וועלכער זאל אונז אויסגראדן און האלטן אויפ'ן ריכטיגן וועג מיט א טעם זקנים און א פארצייטישן ישוב הדעת, שלא נטה ימין ושמאל מיט איבערגעאיילטע שריט חלילה.

שטענדיג נאכדעם וואס עס איז געווען חילוקי דעות איבער געוויסע מהלכים, איז עס געווען **ר' אברהם משה וואס האט מיט זיין ישוב הדעת און שכל הישר אנגעצייגט דעם דרך הישר**, מיט א געלאסנקייט און מתינות, וואס איז געווען פאר אונז א געוואלדיגע מתנה.

אצינד, מיט זיין אויפנאמע אלס "טראסטי" בשליחות הציבור, איז הר"ר אברהם משה הי"ו אפגעטרעטן פון זיין פאזיציע אויפ'ן באורד פון דער "יו. דזשעי. סי.", צוליב "קאנפליקט אוו אינטערעס", אז מען טאר נישט זיין אויףביידע פאזיציעס. אבער טאקע אצינד, וואונטשן מיר אים אן שיצליח ה' דרכו ויתקדש ש"ש על ידו למען תועלת כל תושבי העיר.

★ ★ ★

אזוי אויך דארף מען אויסדרוקן א דאנק פאר אונזער חשוב'ע קאלעגע דער איש החסד והמעש בנש"ק מוה"ר **משה האלפערן הי"ו** פון די חשוב'ע באורד מעמבערס, וואס זייענדיג פון די מייסדי הישוב און האט געטון א געוואלד עסקנות במשך די יארן ארויסצוהעלפן דעם ציבור זיך אן עצה געבן מיט די אלטע ווירטשאפט, און אסאך געלייסטעט פאר בלומינגראוו, בנוסף לזה האט ער אינאיינעם מיט זיין שותף לדבר מצוה איש החסד ומציל נפשות מוה"ר **אליעזר יחזקאל שווימער** הי"ו, אוועקגעגעבן בנדבת לבם הטוב, די אפיסעס פון זייער בארימטע 'בלומינג ריעלטי' פירמע, אלץ אכסניא פון די יו.זשעי.סי.

**אויסער אוועקגעגעבן די הויפט קווארטיר האבן זיי זיך צוגעשטעלט בלב ונפש חפיצה, מיט אפיס סופלייס, און צושטעלן די קאמפיוטערס וכדומה, מיט א ברייטהארציגקייט, די אפיסעס האבן געזשומעט מיט עסקנים און האט אוועקגענומען פון די רוהיגקייט אין די ביזנעס, און עס האט זיי היפש געשטערט פון די טאג טעגליכע ביזנעס אפערעישאנס**, אבער פונקט קאפויער, זיי האבן זיך צוגעשטעלט מיט א ווארימקייט, כסדר איז געווען איבערצובייסן און געטראנקן, זיי האבן זיך צוגעשטעלט אויף א זעלטענעם פארנעם **מיטן עפענען זייער טיר, הארץ, און טאשן**, אלעס ווייל ס'איז פאר די תועלת פון בלומינגראוו, ישלם ה' שכרכם ויהא שכרכם כפול משמים.

★ ★ ★

## אחרון אחרון חביב, א דאנק ר' יצחק!

שטייענדיג ביי דעם מאמענט, איז זיכער **"הגיע הזמן לומר שירה"**, זיך צו באדאנקן פערזענליך, מעומקא דליבא פאר מיין קאלעגע אין דער הייליגער אונטערנעמונג, **האי איש חיל ורב פעלים, ידידי עוז מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו**, וואס ס'איז אייגנטליך נישט מעגליך צו שילדערן זיין אומגלויבליכע געטריישאפט פאר אונזער שטאט, און וויפיל שעות, טעג, וואכן און חדשים, מיר זענען געזיצן אינאיינעם ביז מען האט ב"ה דערגרייכט עד הלום.

**ר' יצחק, פונקט ווי אונז אלע, איז ב"ה א פארנומענער ביזנעסמאן, וועלכער שטייט אין שפיץ פון א גרויסע פירמע, וואס שפרייט זיך אויס איבער עטליכע שטאטן**, ער געפינט זיך דעריבער אסאך אויפ'ן ראוד און פארמאגט מערערע ארבעטער וועלכע זענען אונטער זיין אויפזיכט. בנוסף דערצו איז ער פון די **פירענדע "חברה הצלה" מיטגלידער דא אין בלומינגראוו**, זייענדיג אן אקטיווער מעמבער אין דער חברה הצלה פון קרית יואל.

אבער דאס אלעס האט זיך לגמרי נישט אנגעזען, **ווען אימער**

**עס איז געקומען צו די טעמע פון אונזער שטאט בלומינגראוו. סיי ווען מען האט זיך גענויטיגט אין עצה ותושי', פעולה ומעש, איז עס געווען ר' יצחק וואס האט מקריב געווען זיינע טעג און נעכט פאר דעם הייליגן וויזיע. ס'איז פשוט נישט געווען אזא זאך ווי ניין.**

די **אסיפות** מיט די **רבנים** שליט"א, די **זיצונגען מיט די עסקנים**, דאס **אויסהערן, דורכרעדן, זיך שואל עצה צו זיין, מטכס עצה צו זיין, אדוואקאטן, פראפעסיאנאלע** און **לעגאלע ראט** און "**עדווייס**", דאס אלעם האט אפגעקאסט **הונדערטער! שעות פון א.ג. "ווארקינג האוערס"**, ווען מען האט אויפגעגעבן די אייגענע אינטערעסן פאר די אינטערעסן פונעם ציבור.

מיר האבן געקענט זיצן אינאיינעם ביז 4-5 פארטאגס נאכ'ן ענדיגן א נאכט בעפאר זיצונגען ביז חצות, מוצאי שבת ויו"ט, אין אלע אנדערע אנגעשטרענגטע צייטן, איז עס געווען ר' יצחק וואס האט קיינמאל נישט געוואוסט פון קיין אפרוה, ווי ער פלעגט זאגן שטענדיג: "ווען ס'קומט צו בלומיגראוו איז נישטא גארנישט וואס שטייט אין וועג, בלומינגראוו איז קודש קדשים".

וויל איך זיך איינפאך באדאנקן פון די טיפענישן פון מיין הארץ, פאר זיין מסירת נפש, פאר זיין מיטארבעט, און פאר זיין געטריישאפט וואס ס'האט זיך ב"ה אויסגעשטעלט אז ס'איז געווען די ריכטיגע חברותא וואס דאס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא. דאס איז אמאל זיכער, אָן ר' יצחק וואלט דאס קיינמאל נישט צושטאנד געקומען!

**א הארציגן יישר כח און געוויס קוקט מען בעז"ה ארויס אויף פאראויס, כה יתן ה' וכה יוסיף לעשות כח וחיל להרחיב גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית ה', וחפץ ה' בידינו יצליחו בשבת אחים גם יחד.**

★ ★ ★

## הני נשי במאי זכיין?

געווים איז מען ביי דער געלעגנהייט אויך פארפליכטעט מיט אן אמת'ע הכרת הטוב פאר די געטרייע עזרת נשים, וועלכע זענען געשטאנען צו דער הילף פון זייערע מענער די עסקנים החשובים וועלכע האבן אין די לעצטע חדשים אזויפיל כוחות און צייט אריינגעלייגט לברך על המוגמר.

די געטרייע פרויען שיחי', האבן פאקטיש מותר געווען און אויפגעגעבן טעג און וואכן, זונטאג'ס, חול המועד'ס, לאנגע מוצאי שבתות, א.א.וו. ווען די עסקנים זזענען געווען פארנומען מיט די הייליגע מיסיע. ומבשרי אחזה, וויפיל מיר, אינאיינעם מיט ידידי מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו, זענען אפוועזענד געווען פון די פערזענליכע משפחה געברויכן, מען איז נישט געווען אין שטוב מיט ישוב הדעת, און אלעם מיט דער הילף און שטיצע פון די "חכמת נשים בנתה ביתה" וועלכע האבן גוט באגריפן און פארשטאנען דאס נחיצות הענין.

ס'האט פאקטיש אפט פאסירט אז מען פלעגט פארן גראד פון דער ארבעט, צו דעם "יו. דזשעי. סי." אפיס, וואו מען איז שוין פארבליבן ביז אין די שפעטע נאכט שטונדן, ס'איז געווען טעג און וואכן וואס מען איז איינפאך נישט אנגעקומען צו טרעפן די שטוב און די קינדער, ווען מען איז אהיימגעקומען איז שוין געווען נאך חצות און ווען מען איז אוועקגעגאנגען צופרי איז נאך געווען פאר אשמורת הבוקר, וואס דער גרעסטער קרעדיט דערפאר גייט געוויס פאר דעם מושיבי עקרת הבית וועלכע זענען קעגן געקומען און מחזק געווען, ובזכות נשים צדקניות נגאלו, ס'איז אלעם אין זייער זכות ושכרם הרבה מאוד!

★ ★ ★

## ופרוס עלינו סוכת רחמים וחיים ושלום

אריינטרענדיג אין דעם פרייליכן יום טוב, וואס וועט דאס יאר געפראוועט מיט א דאפלטע דאזע פון שמחה וצהלה ביי אין שטאט, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א געבעט צו השי"ת:

"רבוש"ע, האסט אונז געהאלפן און באגלייט ביז יעצט מיט אזויפיל סייעתא דשמיא, מיר בעטן דיר, הייליגער באשעפער, גיב אונז ווייטער כח, געזונט און דעם ריכטיגן ישוב הדעת, ותקנינו בעצה טובה מלפניך, צו ממשיך זיין מיט דער גרויסער און שווערער ארבעט, וואס הייבט זיך אייגנטליך הערשט יעצט אן"...

מיר אלע, תושבי בלומינגראוו, קוקן ארויס בעינים צופיות אז מען זאל טאקע קענען מקיים זיין דעם "**ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצו**", ביז מען וועט זוכה זיין צו דעם "**ונבנתה עיר על תילה**", צו מרחיב זיין די גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית ה', "**על מי מנוחות ינהלנו, ינחני במעגלי צדק למען שמו**", מען זאל ריכטיג קענען ארויסהעלפן און אויפטון פאר'ן ציבור, פאר'ן יחיד, פאר'ן כלל און פאר'ן פרט.

מיר אלע, תושבי בלומינגראוו, קוקן ארויס בעינים צופיות אז מען זאל טאקע קענען מקיים זיין דעם "ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצו", ביז מען וועט זוכה זיין צו דעם "ונבנתה עיר על תילה", צו מרחיב זיין די גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית ה', "על מי מנוחות ינהלנו, ינחני במעגלי צדק למען שמו",

דערביי רייסט זיך ארויס א תפלה, **היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל**, פאר די געטרייע שלוחי הציבור, הרה"ח מוה"ר **אברהם משה ווייס** הי"ו און האברך מוה"ר **יצחק אלחנן פעלדמאן** הי"ו, וועלכע זענען ערוועלט געווארן פאר די אחריות'דיגע און שווערע ארבעט, **כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך**, די הצלחה און סייעתא דשמיא זאל אונז און זיי ווייטער באגלייטן, צו זיין די ריכטיגע שלוחים לטובת עמך בית ישראל אשר צרכיו מרובין. עס זאל נתרבה געווארן דער כבוד שמים על ידם און נישט חלילה ארויסקומען קיין שום מכשול וטעות, ילכו מחיל אל חיל לרומם קרן התורה והעיר לשם ולתהלה.

זאלן מיר שוין בקרוב זוכה זיין צו דער גרויסער ישועה, ווען ס'וועט זיין "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל", ווען ס'איז דאך נישט קיין צווייפל, אז אונזער גאנצער הייליגער שטאט בלומינגראוו, מיט אירע הערליכע בתי מדרשים און אידישע שטובער, וועט פארמאגן א פראמינענטן ארט אין דער ירושלים הבנויה בקרוב אין אונזערע טעג.

**א פרייליכן יום טוב, מיינע אלע שכינים וידידים, און א גוט קוויטל! מנוחה ושמחה אור ליהודים!**

# צייטליכע אנווייזונגען און ווירטיגע "סעיפטי" מעסעזשעס

**אין די יעצטיגע ערב יו"ט טעג**

## איבערגעגעבן פאר דער "בלומינגראוו שטימע" דורך הרה"ח מו"ה **יצחק בערנאטה** הי"ו ליעזאן פון די י.ו.זשעי.ס. צו די סאוט בלומינגראוו פייער דעפארטמענט

**פאלגענד זענען אייניגע ווירטיגע אנווייזונגען, מיט גאר נויטיגע זיכערהייט און סעיפטי כללים פאר דער אידישער שטוב אין די טעג פון יום טוב סוכות, וואס איז זייער ווירטיג צו אויספאלגן און נעמען אין קענטעניס, כדי צו פארזיכערן אז מיר אלע האבן בעז"ה א ליכטיגן געזונטן און פרייליכן יום טוב.**

### "סמאוק אלארמס" און "קארבען מענאקסייד" דידעקטאר

אין א צייט ווי ערב יום טוב, ווען מען קאכט אזויפיל פאר די סעודות החג, איז ספעציעל ווירטיג צו זיכער מאכן אז אלע "סמאוק אלארמס" און "קארבען מענאקסייד" דידעקטארס ארבעטן ווי געהעריג, און האבן גוטע בעטעריס וואס קען אסאך מאל זיין לעבנס רעטער פשוטו כמשמעו.

דאס איז אבער ספעציעל נוגע אין די יום טוב טעג, ווען מען זיצט אין דער סוכה, אינדרויסן פון שטוב, און ס'איז דעריבער קריטיש ווירטיג צו האבן פונקציאנירנדע "סמאוק אלארמס" אז אויב עס מאכט זיך עפעס חלילה אין שטוב זאל מען קענען הערן און טון צו דער זאך.

באזונדער איז זייער ראטזאם, צו אריינלייגן א "סמאוק אלארם" מיט א גוטן בעטערי אין דער סוכה.

מען דארף נעמען אין קענטעניס אז די סוכה איז דאך געבויעט פון האלץ, און דאס זעלבע כמעט אלע וואס ליגט אין דער סוכה, ווי חורה'ס, פאפירענע נוי סוכה, א.א.וו. דאס זענען אלעס זאכן וועלכע כאפן זיך שנעל אן אפילו פון א קליינעם פלאם ח"ו. דעריבער איז שטארק רעקאמענדירט צו האבן א "סמאוק אלארם" אין דער סוכה, אזוי ארום אז אפילו ווען מען שלאפט ביינאכט און עפעס פאסירט זאל מען זיך באלד קענען אויפוועקן צו פארמיידן שאדנס.

### עלעקטערענישע נוי סוכה

אין מערערע שטובער איז איינגעפירט אז די קינדער מאכן בליעה"ר פארשידענע טאלאנטפולע נוי סוכה'ס, וואס מען פאבריצירט אליינס מיט שפעפערישע פאטענטן, און דאס ארבעט מיט עלעקטערי. איז זייער ווירטיג אז אן ערוואקסענער בעל אחריות זאל גוט איבערקוקן און באטראכטן דעם נוי סוכה, אז עס זאל זיין "סעיף" און פארזיכערט בעז"ה.

מען זאל אכט געבן אז די עלעקטערענישע נוי סוכה'ס זענען גוט פארמאכט, און פארקלעפט מיט עלעקטערישע טעיפ. אזוי אויך זאל מען זיכער מאכן אז ס'איז שטארק אפגעטיילט און וועקגערירקט דעם "פלאס" פון דעם "מיינוס", און אז אלע אנדערע איינצלהייטן איז געמאכט אויף'ן ריכטיגן וועג, אז ס'זאל חלילה נישט קענען פאסירן קיין פייער, און אז מען זאל זיך ח"ו נישט קענען כאפן קיין "שאק" פון אפענע עלעקטערישע ווייער'ס.

### ליכט אין דער סוכה

די חברה הצלה און די פייער דעפארטמענט רעקאמענדירן זייער שטארק אז מען זאל פרובירן איגאנצן נישט צו אנצונדן קיין ליכט אין דער סוכה. ווען מען צינדט יא ליכט, זאל מען עס ווי אמשנעלסטן ארויסטראגן, אז עס זאל נישט בלייבן אן קיין אויפזיכט אין דער סוכה.

אין פאל וואס עס איז נישט מעגליך, ספעציעל ווען ס'איז שבת און מען קען נישט ארויסטראגן קיין ליכט, זאל מען זיין וואכזאם אז אן ערוואקסענער מענטש געפינט זיך אין דער סוכה די גאנצע צייט, און ער טרעט נישט ארויס פון דארט ווילאנג די ליכט ברענט.

מען האט שוין ליידער מיטגעהאלטן צופיל מעשיות ווען ס'האט פאסירט אסאך עגמת נפש פון פשוט'ע זאכן, ווי א נוי סוכה אדער א שטיקל סכך וואס איז ארויפגעפאלן אויף די ליכט, אדער א ווינטל וואס האט פארשפרייט דאס פלאם און אנגעצינדן די סוכה. מיר אלע ווילן האבן א רואיגן פרייליכן יום טוב, און דעריבער זאל מען זיכער מאכן אז אויב מען צינדט יא ליכט אין דער סוכה, זאל מען זיצן דארט די גאנצע צייט, ביז ווילאנג די ליכט ברענען אויס.

### עקסטענטשן ווייערס

ווען מען ציעט "עקסטענטשאן ווייערס" צו דער סוכה, זאל מען נוצן נאר די דיקע עקסטענטשן ווייערס, נישט די דינע, וואס איז געמאכט צו נוצן בלויז אין שטוב. ווען מען וויל נוצן עטליכע ווייערס זאל מען דאס ציען פון באזונדערע "פלאָגס". מען זאל נישט ציען אלע ווייערס פון איין שטעקער אין דער ווענט, נאר מען זאל ענדערש דאס צעטיילן צו צוויי אנדערע פלאגס, און נאך בעסער איז פון צוויי באזונדערע שטובער, אזוי ארום נישט צו אנשטרענגען דעם "פלאָגס", אז עס זאל חלילה נישט גורם זיין אומאנגענעמליכקייטן.

## היטער'ס אין דער סוכה

אויב מען וויל נוצן א "היטער" צו אנווארעמען די סוכה, איז דאס בעסטע דאס צו ציען פון די "עיר קאנדישאן" פלאג, וואס איז א שטארקע פלאג און דאס קען פארנעמען די עלעקטעריציטעט פון דעם היטער. מען זאל טאקע נאר לייגן אויף דעם פלאג בלויז די היטער, נישט די לעקטער, די נוי סוכה אדער די אנדערע זאכן פון דער סוכה. פאר די אנדערע עלעקטערישע געברויכן זאל מען נוצן אן אנדערן פלאג.

ווען מען שטעלט אוועק די "היטער" אין דער סוכה זאל מען זיכער מאכן אז עס ליגט אויף א פארזיכערטן פלאץ. נישט נעבן האנטוכער, נישט נעבן בעקיטשעס אדער אנדערע קליידער און נישט נעבן דעם מאטראץ פונעם בעט. די היץ קען גורם זיין אז עס זאל זיך ח"ו אנצינדן פונעם "היטער". דעריבער זאל מען זיין געווארנט סיי וויאזוי מען פלאגט איין דעם היטער, און סיי וויאזוי מען לייגט עס, עס זאל נישט ליגן נעבן קיין שום סארט סחורה אדער אנדערע זאכן וואס קענען ווערן אנגעהייצט.

ס'איז א גוטער געדאנק, צו אנשטעלן דעם "היטער" אז עס זאל ארבעטן אויף א "שבת זייגער", דאס הייסט אז עס זאל זיך אנצינדן פארנאכט'ס און זיך אויסלעשן אינדערפרי, ווען מען ברויך עס נישט האבן. אזוי אז עס זאל נישט ארבעטן נאכאנאנד דורכאויסביידע טעג יום טוב.

## אויב איר הערט עפעס, טוט צו דער זאך!

ווען איר געפינט זיך אין דער סוכה, און איר הערט אינמיטן די נאכט ווי עס פייפט א "סמאקינג אלארם" פון אן אנדערע סוכה, מען הערט עפעס, אז דו וועסט לייגן א סמאוק אלארם, דיין שכן וועט לייגן, און ח"ו אויף סאמטינג דו הערסט אינמיטן די נאכט ס'פייפט, זאלסטו דעפרענטלי זיך אויפוועקן און גיין אינוועסטיגעטן און זען פארוואס ס'פייפט. די זעלבע זאך איז טאמער מען שמעקט חלילה סמאוק, ס'קען זיין ביים שכן האט זיך חלילה וחס אנגעצינדן און מען פארשטייט אליין אז די פייער לויפט פון איין סוכה צו די צווייטע סוכה זאל מען מאכן זיכער

אויף ענגליש איז באקאנט דער כלל "איף יו העיר סאמטינג, עקט!"... ווען מען הערט אז עס פייפט דארף מען טון צו דער זאך. ס'איז נישט קיין צייט פאר פוילקייט, מען מוז אריבערגיין זעהן וואס גייט פאר, דאס קען ממש ראטעווען אידישע נפשות!




## ריקודים של שמחה, אבער מיט אַ מאָס...

דא ביי אונז אין בלומינגראוו, וואו מען האט ב"ה רחבות'דיגע פארטשעס, ווערן מערסטנס סוכות טאקע געבויעט אויף די פארטשעס. דארף מען אבער אכט געבן נישט צו טאנצן צו שטארק און אויך נישט איבער לאדענען דעם פארטש מיט צופיל מענטשן.

מען פריידט זיך טאקע מיט'ן יום טוב און מיט "שמחת בית השואבה" אבער מען זאל געדענקן אז אסאך פון די פארטשעס זענען אלט און נישט אזוי שטארק צו טראגן א שווערן געוויכט. מיר האבן שוין געהאט פעלער ווען פארטשעס זענען געפאלן פון איבערגעפולטע סוכות אדער פון שפרינגען צו שטארק.

## לאזן אפן דעם ארויסגאנג פון שטוב

עס איז זייער וויכטיג צוצולייגן קאפ ווען מען בויעט די סוכה אז עס זאל פארבלייבן אייביג אפן א טיר "טו עסקעיפ", צו קענען ארויסגיין פון שטוב דורך דעם פארטש טיר.

אזוי ארום אז אויב - השי"ת זאל היטן - עס מאכט זיך עפעס און מען דארף ארויסלויפן פון דער דירה, זאל אייביג זיין אן אפענע וועג ארויס צו אנטלויפן, און מען זאל ח"ו נישט ווערן געטרעפ"ט אין דער סוכה.

## "האַט פלעיט" אין די יום טוב טעג

אזוי ווי דאס יאר וועט בעז"ה זיין שבת, סיי די ערשטע טעג און סיי די צווייטע טעג, און ווי דער שטייגער באנוצט מען זיך אין אידישע הייזער מיט "האט פלעיטס" צו האלטןווארעם די סעודות שבת ויום טוב, איז וויכטיג צו נעמען אין קענטעניס אז דאס איז נישט געאייגנט און איז נישט אויסגעשטעלט צו זיין אנגעצינדן אויף צוויי טאג נאכאנאנד. מען האט שוין ליידער מיטגעהאלטן שווערע שריפות אין אידישע געגנטער פון "האט פלעיטס" וועלכע זענען געווען אנצינדן פאר א לאנגע צייט.

מען זאל זיכער מאכן אז די "האט פלעיט" ארבעט מיט א "שבת זייגער" און אויסשטעלן אז דער "האט פלעיט" זאל זיך אויסלעשן דורכאויס אלע צייטן ווען מען דארף דאס נישט האבן אין באנוץ. צ.ב.ש. זאל זיך עס אויסלעשן שבת נאכמיטאג נאך די סעודה און זיך צוריק אנצינדן ביינאכט נאכ'ן זמן, כדי עס זאל נישט ארבעטן 48 שעות אן קיין אפשטעל.

דער "האט פלעיט" זאל מען לייגן אויף א פארזיכערטע פלאץ. נישט אויף קיין האלצערנע קאונטער א.ד.ג. און לייגן אונטער דעם זילבער פאפיר אז עס זאל זיך חלילה נישט אנכאפן די היץ.

**אין זכות פון אונזער זהירות זאלן מיר אלע זוכה זיין צו א ריכטיגע "זמן שמחתינו", ושמחת בחגך והיית אך שמח.**

"FUN"TASTIC CARNIVAL

פריילעכע
נייעס פאר
חוה"מ סוכות

וואו?
4 Dallas Dr.

ווען?
דינסטאג ב חוה"מ
דאנערשטאג ד חוה"מ
weather permitting

וויפיל?
2 Tickets for $1.00

jumping castle and many more exciting games!

cotton candy popcorn cupcakes

קומט און ברענגט אייער גוטע פריינד און באקאנטע

די ריוח גייט פאר צדקה
662-7270

ASTAR | Your Loan is Our Interest®
For all your mortgage needs
contact: Shmiel Posen
845.500.6974

United Jewish Community of Blooming Grove
COMMUNITY ASSISTANCE DIVISION

מיט דעם טוען מיר מעלדן
אז אי"ה ווערט ווידערמאל
צוגעשטעלט די

# פאטראל קארס

## אויף יו"ט סוכות הבעל"ט

וואס וועלן בעז"ה ארומפארן אויף די גאסן פון שטאט

## אין די ימים טובים נעכט
## פון 6:00 נאכמיטאג ביז חצות

בברכת שמחת יום טוב



אריינצושיקן נייעס, ארטיקלען, בילדער מזל טוב'ס, ברוכים הבאים, בריוו ביטע זיך פארבינדן
מיט די רעדאקציע אויף אימעיל, שרייבט צו: info@UJCofBloomingGrove.org

## ברכת מזל טוב
לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הרה"ג ר' **יצחק אייזיק ראטטענבערג** שליט"א
אב"ד קאזאוועץ
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **דוד משה צבי בערקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **שלמה חיים פילאפף** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

החתן **נתן לעווי** הי"ו
לרגל אירוסיו למז"ט

מוה"ר **שלום יוסף לעווי** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **אלעזר מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה
וכל טוב סלה

## מזל טוב בלומינגראוו
צו אלע תושבי העיר, צו די נייע
סימפאטישע אדמיניסטראציע

הרה"ג ר' **יחזקאל גרינפעלד** שליט"א
ראה"כ כולל היכל הוראה - דברי חיים צאנז זמיגראד
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שמואל הערש ווייס הי"ו**
לרגל נישואי בתו והולדת נכדיו למז"ט

מוה"ר **יעקב יודא לעבאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **משה אברהם ברוין** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **שמעון ראזנבוים** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **דוד לייבוש יאקאבאוויטש הי"ו**
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

מוה"ר **אברהם יושע וועבערמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

## ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירינו

מוה"ר **משה קרויס** הי"ו
בן ר' **שמואל** • חתן ר' **אהרן קרויס**

מוה"ר **שמואל יודא מאיר יאראסלאוויטש** הי"ו
בן ר' **אפרים פישל** • חתן ר' **אברהם יקותיאל ליבערמאן**

מוה"ר **ירוחם יאקאב** הי"ו
בן מוה"ר **אברהם יעקב** • חתן ר' **ישעי' הערש שפיטצער**

מוה"ר **שמואל אליעזר אילאוויטש** הי"ו
בן הרב **משה יחיאל** • חתן הרב **יודא יואל דייטש**

מוה"ר **אנשיל עקשטיין** הי"ו
בן ר' **דוד שלמה** • חתן ר' **מנחם דוב לעווי**

מוה"ר **מאיר שמואל היימליך** הי"ו
בן ר' **אברהם דוד** • חתן ר' **גרשון מענדל פעלדמאן**

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות,
און נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה